STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08428

MAYN DIMYEN BRIK

Chaim Maltinski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים מאַלטינסקי

★

מײַן דמיון־בריק

חיים מאַלטינסקי

מײַן דמיון־בריק

פאַרלאַג „ניי־לעבן"

תל־אביב, תשל"ח — 1978

CHAIM MALTINSKI

MAIN DIMION-BRIK

©

Printed in Israel

נדפס בישראל

Publishing House "Nai Leben", Tel-Aviv

דפוס „אור" בע"מ, שד' הר־ציון 104, תל־אביב, טל. 822481. ישראל

חשובער לייענער!

בײַם דערשײַנען פון אָט דעם בוך, דערלויב איך זיך צו באַמערקן פאָלגנדעס:

אין די ערשטע נאָך־מלחמה יאָרן און נאָכדעם ווי מע האָט מיך, סוף 1955 יאָר, אַרויסגעלאָזט פון סטאַלינישן קאָנצענטראַציע־לאַגער, ביז מײַן עולה זײַן קיין ישראל אין נאָוועמבער 1974 יאָר, האָב איך אָנגעשריבן אַ סך לידער; נאָר אין די סאָוועטישע באַדינגונגען האָב איך ווײַט ניט אַלץ געקענט באַווײַזן פאַר דער ליכטיקער שײַן. מיר האָט זיך אײַנגעגעבן די לידער צו ברענגען קיין ישראל און שוין דאָ אַ טייל פון זיי אײַנצושליסן אין די דרײַ זאַמלונגען — „די ערד פאַרשטייט", „מײַן מאַמעס אָנבליק" און „מײַן דמיון־בריק".

בײַ דער געלעגנהײַט וויל איך אויסדריקן מײַן דאַנק —
דעם קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל,
דעם קאָמיטעט פאַר יידישער קולטור אין ישראל,
דעם אליעזר פּינעס־פאָנד פאַר קולטור און ליטעראַטור,
דעם קרן תל־אביב לספרות ולאמנות
און קרן נשיא המדינה זלמן שז"ר ז"ל.
פאַר דער מאַטעריעלער הילף בײַם אַרויסגעבן מײַנע דרײַ ביכער.

מיט טיפער אַכטונג —

חיים מאַלטינסקי

אין ייִדישן וואָרט ווי ס׳איז ווילד, ווי ס׳איז מילד, ווי ס׳איז טײַער,
איז פֿאַראַן אַזאַ רוף צו באַנײַונג, איז פֿאַראַן אַזאַ העלישער פֿײַער.

...און אַשן פֿון תּקופֿות ניט קאָנען זײַן צונטער פֿאַרגרויען,
זײַן מונטערן צונטער, וואָס העלט זיך אויף
שטילקײַט פֿון בלויען.

דוד האָפּשטיין

לעם בערג גלבוע׳ר

א

אין די טראַנשייען קאַלטע,
קוואַטשיק — קויטיקע,
אַ פוס אַן פוס כ׳קלאַפּ אַן אַ סוף...
געדענק איך, מײַן וועליקי בראַט — פּעטראָוו,
אַ ווינק טאַן פלעגט אויף אַ פּריטשמעליעטן סאָלדאַט
אַ טונקלהויטיקן,
אויף אַן אוזבעק, צי אַ טורקמען
און דורכזײַען מיט ביטול: — אַ נאַצמען...
פּונקט ווי אַ זידלוואָרט...
עס פלעגט מיר איבער האַרצן טאָן אַ שניט:
דאָס זעלבע טראַכט ער וועגן דיר: — „אַ זשיד".
און איך געפין מיר ניט קיין אָרט...

ב

לעם בערג גלבוע׳ר

פאַרדריסט, וואָס אויף דער עלטער בלויז
(געבליבן אַן אַקרײַטשיק צײַט),
ז׳געוואָרן פון די טרוימען מײַנע אויס —
אַ מנחם-מענדל-„בוידעם",
געפלאַצט דער זייפנבלאָז — ביראָבידזשאַן...
אַצינד, כ׳בין מער ניט קיין נאַצמינדערהײַט —
אין שפּאַן

צוזאַמען מיט מײַן פֿאָלק אויף אייגן ערד,
פֿאַרגאַנצט און פֿול, ווי די לבנה אין האַלב-חודש
און דאָך אַ שאָטן מײַן געמיט באַשווערט:
מײַן ייִדיש-לשון, ווי אַ שערבעלע אַ דינם און בלייכם
פֿאַרלוירן
קוקט פֿון בערג גלבוע׳ר,
פּונקט ווי דער מולד, וואָס איז ערשט געבוירן...

ג

מײַן לעבנס-בריק,
מײַן דמיון-בריק
אויף תּהומען הערט ניט אויף
פֿאַר בליק מײַנעם זיך וויגן...
ווי ריזיק דורכגעפֿלאָכטן די געשטעלן זײַנע
און דער שטח.
איין זײַל זיך גרונטעוועט
אין ברודער-קבר פֿון דער מינסקער געטאָ.
די ביינער פֿון מײַן בכור — מײַן עופֿל דאָרטן ליגן
מיט קדושים פֿיל. איין גאָט ווייס זייער צאָל...
דעם זײַל דעם קעגנאיבערדיקן האַלט דאָ אין ישראל,
אויף יונגן אַקסל מײַן זון — חיל,
מײַן צוואַנציקיאָריקער מיזיניק.
און איך אין מײַנע טרוימען — קיניג!
די קוליעס ברייט צעשפּרייט,
איך שפּאַן איבער מײַן גרווילנדיקן
דמיון-בריק

אַהין און קריק,
אַהין און קריק
און ס'האַרץ פאַרחלשט און פאַרגייט...

ד

בילדער אַנדערע...

ווען פון מײַן פענצטער אין מגדיאל
כ'באַמערק ווי ס'ווימלט דורך פאַרבײַ
די גרויע סטאַדע לעמער,
צונויפגעדריקט, ווי אין איין קנויל צונויפגענומען,
מיר קלעמען נעמט
אַ נאָגנדיק געפיל,
אָן אומרו־אומעט...
און כאָטש דער פאַסטעך רויִק גייט פאָרויס,
אויף אַקסל זײַנעם — דער טראַנזיסטאָר,
און קיינער טרײַבט די שאָף
אין נאַקן ניט,
ניט בײַ די זײַטן,
מיר ווײַזט זיך אויס,
ווי צו אַ סוף
אַ וויסטן
זיי אײַלן פיבערדיק אַליין
און איינם דעם צווייטן שטויסט...
כ'פיל פון דער ווײַטן,
ווי ס'הינקענדיקע שעפעלע,

וואָס עטוואָס הינטערשטעליק פון דער טשערעדע
זיך מיט מיט אַלע כוחות
צוריק אַרײַן אין פלוס, אין קנויל...
אין דמיון מײַנעם טראָגן דורך זיך
בילדער אַנדערע מיט גרויל...

ה

דאָס שטילע אייזעלע

ווײ־געשריגן,
וואָס מיטלײַד עס דערוועקט
דאָס שיין־באַחנטע גאָטס־באַשעפעניש —
דאָס שטילע אייזעלע:
אַ מענגע קליינע בייזע פליגן
געדיכט באַקלעפּן אים די געמבע
און בלויז עס פינטלט מיט די וויִעס,
די אויערן באַוועגט.
די פליגן טוען זייערס —
קריכן, פּויזען אין די נאָזלעכער,
איבער די פײַכטע ווײַסלען גלאַנציקע
פון זײַנע גוטע מילדע אויגן —
און בײַסן, גריזשען, זויגן...

ז

אין אַ שײנעם חשון־טאָג,
דער הימל איז נאָך אַלץ אַ לויטער־בלויער,
לעם בערג גלבוע׳ר,
אין קיבוץ גבע,
צווישן טייטל־פּאַלמעס,
כ׳שפּאַציר, קוק אויף די פײגעלעך
(מײַן טבע)
און שטעלט אײַך פאָר — כ׳דערזע אַ שטאָר
גיט איבער גראָז אַ שאָר
צו מיר זיך נענטער,
דאָס קעפּעלע פאַרהייבט, באַטראַכט מיך,
ווי עפּעס כ׳וואָלט געווען אים קענטלעך.
די אויגן ברייטער איך צעעפן,
ער איז זיך גאָר ניט טועה,
מײַן האַרץ נעמט נאָגן, נויען טריב...
... אין וואַלד ווײַסרוסישן, אין קאָראָלישטשעוויטשי,
הינטער מינסק,
מיר פלעגן אָפט זיך טרעפן,
זײַן שטאָרן־שטיבעלע,סקוואָרעשנע,
אויף דער סאָסנע,
איז געווען מיר תמיד ליב...
ווי גייט דיר גינציקער,
האָסט אויסגעקאָרמעט די פּיסקליאַטעס?
וואָס הערט זיך דאָרט אין ווײַסרוסישן וואַלד

בײַ דעמבן-זײַדעס,
בײַ יעלן-טאַטעס ?
די װײַסינקע ביעריאָזקעס װי זיך פּילן ? —
געקומען ביסטו װינטערן אַהער,
דאָ, אויף די טײַטל-פּאַלמעס שפּילן ? —
רו אָפּ, פֿאַרברענג
און די גוט-פֿרײַנטשאַפֿט פֿאַרגעדענק...

ז

גאָט, באַהיט מיך פֿון נידעריק פֿאַלן

„זי איז שוין אין דער בחינה פֿון אַ
גוט-געשלײַדערטן שטײן, װאָס לויפֿט שוין
אַלײן באַרג אָפּ מיטן כּוח פֿון ערשטן שטויס...״
„תּאווה צו קלײדער״, י. ל. פּרץ.

מיטגעבראַכט כ׳האָב אין דמיון מײַן שטעגל,
מײַן ליבן װוּ-אײַן און װוּ-אויס.
דאָ, צו פֿרעמדע עשירות, פֿאַרמעגנס —
מיר װערן די אויגן ניט גרויס.
גאָט, באַהיט מיך פֿון נידעריק פֿאַלן,
װי דער שטײן באַרג אַראָפּ פֿון אײן שטויס...
כ׳װאָלט געװוּערט זיך מיט כּוחות מיט אַלע,
אָנגעכאַפּט פֿאַר אַ שפּאַלט, פֿאַר אַ דאָרן,
זיך געדראַפּעט, געפּויזעט
און װידער אַרויף
אויף דעם סטעזשקעלע פֿון מײַנע יאָרן...

ח

פון אַלע עולן אויסגעלאָדן

דאָ, אין בת־ים, איך גיי אַ גרויסן טאָג אַרום
אונטער איין זעלבן בלויען הימל קלאָרן,
מײַן נײַ־ישראל לידעלע איך ברום
און חוץ מײַן שאָדן
אויף אײַך געזאָגט געוואָרן,
אַ וועלט מיט צײַט דאָ האָב איך.
ס׳געפעלט מיר — מײַנע קעשענעס מיר ציִען אָפּ
די לירעס און די אָגאָראָדן.
איך שפּאַר אַרײַן די האַנט,
ווי אין אַ טאָרבע פול מיט האָבער
און מיש דאָס מינץ פון אַלע עולן אויסגעלאָדן.
און וויל איך —
צען טריט פון מיר ז׳דער ים,
אין כוואַליעס זוניקע,
מיט פרישקייט זיך פאַרכליניענדיק,
איך שטעל מיר מײַן פּאָעזיע,
ווי אַן עופל, באָדן.

1975 י.

ט

איך זוך אַ פּלאַץ אַ פּאַסיקן

איך האָב געבראַכט מיט זיך
אַ שטאָט מיט לידער־שטיבעלעך
און צערטל זי און היט זי,
ווי אַ זיבעלע.
רק פּאַזע ים איבערן הייסן זאַמד איך שפּאַן
און זוך אַ פּלאַץ אַ פּאַסיקן און אַ קבלן,
וואָס זאָל בײַם וווּנדערלעכן ברעג דעם העלן
מײַן שטאָט מיט לידער־שטיבעלעך צעשטעלן.
נאָר ס׳גייט דערווײַל מיר שווער אָן דאָס געשעפט.
און כ׳בלעטער, בודק, לופטער העפט נאָך העפט...

י

פּונקט געטראָפן...

כ׳זוך אַ גאַס און ווענד זיך אויף עברית;
פּלאָנטער, שטאַמל, עס באַקומט זיך ניט.
צווישן „שמאל״, „ימינה״ און „ישר״,
בלײַב איך שטיין אינמיטן טראָטואַר.
ס׳שלאָגט אַרויס אַ שוויים, די זון מיך ברית.
רופט זיך אָן אַ ייִדענע: — רב ייִד,
איך פאַרשטיי דאָס מאַמע־לשון גוט;

„אסתר המלכּה“ דאַרפֿט איר? די סוכנות? —
אַט אין יענעם מויער, יענער טיר...
פּונקט געטראָפֿן, — שמייכל איך צו איר...

יא

ברוך־השם

ברוך־השם,
איך בין מיט האַקל־פּאַקל,
מיט די קינדער מײַנע
אויף אַן אָרט
און קומען צו זיך כ׳וועל אַ קאַפּעלע,
זיך צוגעווינען שנעל צו אַלע שאַלעמויזעלעך,
אַרומגיין פֿראַנק־און־פֿרײַ אין קורצע הייזעלעך,
פֿאַרלאָזן זיך אַ בחורישע באָרד
און, טראָגן, ווי אַ לאַטקע, אויפֿן קאָפּ — אַ קאַפּעלע...

יב

איך וועל דיך מיט ביטערניש דערמאָנען

כ׳זאָל דיך שעלטן רוסלאַנד? —
לאָזט דאָס האַרץ ניט,
איך וועל עס ניט קאָנען,
ס׳איז מיט צופֿיל אייגן בלוט מײַנס

דורכגעווייקט דײַן ערד...
האָסט מיט גוואַלד אַוועקגענומען
ס'מאַמע-לשון פון מײַן גומען,
די נשמה מיר איבערגעקערט.
וועל איך דיך מיט ביטערניש דערמאָנען,
ווי אַזוי פלעגכט מיך אונטער חלף צווינגען
די קייסאָרים דײַנע שבחים זינגען...

יג

מײַנע פיר-און-זעכציק
רוסלאַנדס-יאָרן,
ווי אַ שוועבעלע
פאַרברענט געוואָרן.
כ'קוק אויף דעם
פאַרקוילטן העלצל...
זינג מײַן באָבעם ליד
צום פעלצל:
„אויפגעגנייט
און אָנגעטאָן,
ליב-הנאה
אַ קוק צו טאָן..."

— — — — — — — — —

קנייטש איך אָן מײַן שטערן,
שטרענג אָן מײַן זכרון,
פּרוּוו מיך צו דאַקאַזשען
פון מײַן קויש מיט יאָרן —

ניט די זיבן מאָגערע,
ניט די פעטע זיבן —
מיט אַ לויטער וואָלקנדל
אַ שיינעם טאָג אַ ליבן.
אָבער וויפל כ׳נישטער ניט,
מי זיך ניט און סטאַרע,
פרעסט און דריקט אויף מײַן נשמה
רוסלאַנדס שוואַרצע כמאַרע...

יד

דאָ אין בת־ים

דער אומפאַרשעמטער בלאָזן זומער־ווינט —
געלאַשטשעט זיך צו מיר און טרײַ געדינט.
ער האָט געוווּסט, ווי חן בײַ מיר געווינען:
אַ הייב דײַן שאַל ער גיט אין מיטן דערינען,
דײַן צאַרטע אַקסל־ווײַסקייט צו אַנטפּלעקן.
פון העלער הויט פלעגט ער דיך איבערשרעקן —
פונקט ווי אַ פּאַראַשוט צעבלאָזן אַרום דיר
דײַן ציטן־קליידל און באַווײַזן מיר
די ליטקעס דײַנע — רונדע צוויי בעריאָזע־שטאַמען...
פאַר בושה נעמען תיכּף דיר די באַקן פלאַמען —
דו כאַפּסט צונויף די פאַלדן פון דײַן קלייד
און פרעסט זיי צו דײַן לײַב
און ס׳רוישט דער שטיפער־ווינט דערפרייט.
אַצינד... פון קאָפּ בײַ מיר ער טוט מײַן הוט אַ ריס

און לאָזט אַראָפּ זיך, ווי אַ הונט ביַי מיַינע פיס:
— דאָ איז בת־ים דאַרף קיינער ניט מיַין ממזרישע שמד,
דאָ דרייען אַלע זיך אַרום, ווי ס׳האָט די מאַמע זיי געהאַט...

טו

אַוודאי

אויפן טראָטואַר,
אַנטקעגן מיר —
וואַלגערט זיך אַ פּיצינק פערדעלע
אויף רעדעלעך אויף פיר.
בויג איך זיך אָן
די שיינע צאַצקע אויפצוהויבן,
פאַלט מיר איַין —
אין לאַקירטן ביַיכל פערדישן
אַ מחבלשע ספּרוזשינקעלע קאָן זיַין...
ס׳קאָן מיך ס׳ברעקל סוסעלע צעשפּליטערן,
צעטרייבערן, צעשטויבן;
צעהאַקן אינעם הויז דערבייַיקן די שויבן
אין בעסטן פאַל...
בליַיב איך שטיין סוטולעוואַטע,
לעקישעוואַטע...
שפּרינגט פון הויף אַרויס
אַ חנעוודיק שוואַרצויגיק יאַטל:
— אַט איז דאָך דאָס פערדל מיַינס, —
און טוט אויף מיר אַ קוק:

— צעריסן איז ביי מיר אַ קעשענע
פון דער אַ זײַט, —
קערט אוים דאָס הויזן־קעשינקע
און אויפן רים ער טײַט:
— אַרויסגעגליטשט זיך...
און פּלוצעם קלוג
אַ שמייכל צו מיר גיט:
און איר האָט, פּעטערל, מיסתּם, געמיינט —
אין פּערדל — דינאַמיט?...
— אַוודאי, — אויפן קול צעלאַך איך זיך
און האַרציק לאַכט דאָס יאַטל מיט.

טז

מײַן רעטונג־שטרויעלע

די ווײַסלעכע תּמוזדיקע תּמימה־בלויקײַט איבער מיר —
פון הימל־ראַנד ביז הימל־ראַנד —
איך גיי אַרום, ווי אַן אָפּגעקאָכטער,
אָפּגעבריטער,
אונטער דער פולער שליטה
פון זונען־בראַנד.
נאָר כ'האַלט זיך פאַר מײַן רעטונג־שטרויעלע —
דעם שפּאַס.
איז צו דער זון ישראלדיקער כ'ווענדע זיך
בלשון מענדעלע:
זאָג זשע מיר, גלי־אייוועלע,

בראָט־פּענדעלע.
ווו איז דײַן פּוטער־פּאַס ?
איך זוך און נישטער אויפן הימל
אַ סימן פון אַ וואָלקנדל־כּאַלאַטל,
אַרויפצוװאַרפן אויף איר שׂרפנדיקן גוף,
װאָס הערט ניט אויף
מיט פלאַם צו פעכערן און פלאַטערן.
אוי, איז מיר היים!
און ווי רב אַלטער — מענדעלעס קאַלעגע
איך שווים אין שוויים
און — בע־בע...

יז

מען שמייכלט שוין צו מיר

און תּמיד איז מיר אַלצדינג אָנגעשריבן
אויף דער נאָז —
דער הײַנט און דער אַמאָל.
בין איך אַצינד אַראָפּגעקומען
קיין ישׂראל.
און איידער כ׳וויל נאָך פרעגן עפּעס־וואָס,
און איידער כ׳ציִ אַרויס אַ חצי־לירע פון מײַן טאַש,
מען שמייכלט שוין צו מיר:
— עולה חדש...

יח

מײַן שיף „מאַמע־לשון"

מײַן שיף „מאַמע־לשון" זינקט!
גייט אונטער ממש פֿאַר די אויגן.
איין זײַט פֿון שיף איז שוין צום תּהום
צום ברויזיק־קאָכיקן געבויגן.
ווי ראַטעוועט מען זי אַרויס,
אויף שטורעם־כוואַליעס אויפֿצוהאַלטן,
ווען ס'שלאָגט און פּלייצט אין איר דער ים
דורך טויזנטער שפּאַרונעס־שפּאַלטן.
נאָר סײַדן פֿונעם שקיעה־ראַנד
ווערט שמשון־הגיבור אויסוואַקסן
מיט זון־צעגלאַנצטער פּאַטליע איבער
זײַנע גבֿורהדיקע ריזן־אַקסלען
און ווי אַ קוישל,
אין וועלכן ס'טראָגן טאַטע־מאַמע
די פּיצלעך קינדער אין ישׂראל,
מײַן שיף „מאַמע־לשון"
הויך אַ הייב טאָן מיט אַ מאָל
און אויף די שפּילנדיקע כוואַליען
די וואַסער־טריט די פּישופּדיקע שטעלן
אַנטקעגן שקיעה־שײַן
און מיט דער שיף אַוועק
אין העלער וועלט אַרײַן...

יט

מײַן האַוועניש און אימפּעט
רוקן אָפּ, ווי מיט דער האַנט, דעם סוף פֿון סופֿן.
נאָך ניט מיט אַלע צרות-ווייטיקן איבערגעשלאָפֿן.
אויף אונדזער ערד קדמונישער
מיר שטייט ערשט פֿאָר (איין קלייניקײַט)
זיך אײַנצוואָרצלען, אײַנזיכקאָרעניען —
חמשינען חמימהדיקע פֿאַרפֿאָראָשען מיך
ווי נאָדל-שטעכנדיקע וויוגע-שנייען,
זיך ניט פֿאַרפּלאָנטערן, ניט אײַנגעזונקען ווערן
אויף די שטעגן-וועגן.
אויף אַלץ באַדאַרף מען צײַט,
די ספֿקות אָפּצופּרעגן,
ניט צולאָזן דעם יאוש אויף דער שוועל,
פּונקט ווי דער זאַמד בײַם ים-ברעג
אײַנזאַפּן די שוימענדיקע וועל
און נאָכאַנאַנד סטאָלירן די מחשבֿות, קלאָרן,
ווי נעמט מען, ברודער-לעבן,
מתושלחס יאָרן ? !

כ

איך לערן זיך עברית

איך לערן זיך עברית
אין גאַס אויף טריט און שריט,
אין ברייט און אין דער לענג,
סײַ שריפטלעך און סײַ מינדלעך —
אַפּישן כ׳לייען, רעקלאַמעס
און פֿאַר די אויגן שווינדלען
די שילדן פֿון די בענק.
איך קוק, באַוווּנדער ממש
און נײַגעריק איך צייל:
בנק לאומי לישראל,
בנק קופּת־עם לישראל
און גאָר בשכנות — אָט
דער בנק הפּועלים
און אויפֿן ראָג — איין טראָט —
דער בנק לחיילים.
די אותיות שוועבן נאָנט —
דער גרויסער „בנק דיסקונט״.
אַנטקעגן אָקוראַט —
בנק המזרחי המאוחד...
און אַז איך ווער שוין מאַט
און מיד
פֿון גיין און לערנען זיך עברית,
דאַן, ענדלעך, כ׳שפּאַן אַוועק

צום ים, צום העלן ברעג,
ווּ ס׳וואַרט אויף מיר פון פרי
דער באַנק הציבורי —
אַ שטילע פריַיע באַנק...
מער גאָרנישט איך פאַרלאַנג.
דער ווינט מיך קילט, כ׳רו אָפּ
און ס׳קומען מיר מחשבות פריילעכע
אין קאָפּ.

כא

כ׳האָב ניט קיין רו אין מגדיאל

כ׳האָב ניט קיין רו אין מגדיאל,
כ׳קאָן דאָ ניט אײַנזיצן שטיל,
ס׳טיאָכקעט אין הארצן, ס׳טוט וויי,
כ׳טראַכט : אין נצרת-עילית
זײַן זאָל מײַן טאָכטער געהיט
מיט אירע עופעלעך צוויי.
ס׳דינט אין נתניה מײַן זון,
ווי-זשע ניט טראַכטן דערפון ?
האָט מען אים ליב און מע אַכט ? —
האָט ער דערזשורעט די נאַכט ?
ס׳פירט אים אויטאָבוס פון טאָל,
טראַכט איך, דער וועג איז צו שמאָל...
אַלץ איז בסדר און גלאַט —
האַלט ער גוט דעם אַוטאָמאַט ?

זאָל ניט פּאַסירן קיין בייז,
איין גאָט אין הימל נאָר ווייס,
כ׳האָב נישט קיין רו אין מגדיאל,
כאָטש דאָ איז רויִק און שטיל.

כב

צו זינגען און צו זאָגן

אַ לעבן אין האַרצן
די מורא געטראָגן —
צי מעג איך, צי טאָר איך
און וואָס וועט מען זאָגן?
כ׳באַדאַרף שוין ניט אומקוקן זיך
אויף די זײַטן...
די אימה, דער פּחד
שוין זײַנען פון ווײַטן.
נאָר איצטער, ווען כ׳האָב שוין
די זכיה, די ברירה,
ברענגט ווידער דער טײַוול
מײַן שטענדיקע מורא:
„באַוווּסט איז אַלץ,
ס׳וועט דיר דאָ קיינער ניט שטערן,
נאָר זיכער ביסטו,
צי ס׳וועט זײַן וואָס צו הערן,
צי וועלן מחשבות
אין מוח זיך זאַמלען,

צי ווערסטו ניט אָנהויבן
פּשוט צו שטאַמלען?"
אַ לעבן אין האַרצן
די מורא געטראָגן.
כ'וועל האָבן פון איר נאָך
צו זינגען, צו זאָגן...

כג

אויף באַלפור־גאַס

אַסאָציִאַציעס,
פאַרגלייַכונגען,
וואָס האָבן איינס צום אַנדערן
קיין שייַכות ניט,
מיר קומען אויף אין זינען...
איך גיי מיט דיר אין גליִענדיקן יולי־טאָג
אויף באַלפור־גאַס,
זיך וואַרפן אין די אויגן
און שווינדלען, מיניען
פון דייַנע זומער־סאַנדאַליעטן
די גלוטיק־רויטע געלאַקירטע נעגל אויף די פיס...
און תּיכּף שוין אין דמיון
(אַהינטער ימען צוויי —
דרייַ טויזנט קילאָמעטער)
מיט טיאָכקענדיקן האַרצן
אַרייַן בין איך אין ווייַסרוסישן וואַלד...

...די לופט איז דופטיק־קיל און פּעכיק־זיס,
פון אַלע בערגלדיקע קוסטיקלעך
עס פינקלען, שעמערירן
אָן אַ שיעור רויטבעקלדיקע רײַפע פּאָזעמקעס...
איך קוק זיך אײַן —
צווישן סאָסנע־שטאַמען און בעריאָזקעס ווײַסע
פּאַרטײַעט שטייט מײַן הינדע־לעבן...
איר געשטאַלט...
כ׳דערפיל אויף זיך איר בליק —
אַ טרויעריק־טריבער,
די בלויע טיפע ברונעם־אויגן...
— — — — — — —
און דו, אויף באַלפור־גאַס, דו שלאָגסט מיר
די געדאַנקען איבער:
— וואָס ביסטו שטיין געבליבן, ווי אַ תם...
אַזאַ מין היץ... אָט איז דאָך שוין דער ים...
מײַן דמיון ז׳ווי אַ פויגל אַ צעפּודזשעטער
פון מיר אַוועקגעפלויגן...

כד

כ׳האָב אויפגעכאַפּט זיך...

חלומות אָן אַ שיעור זיך פּלאָנטערן,
ווי אַ געדעכעניש אין קאָפּ:
...פון וואַלד יעלאָוון כ׳קום אַרויס
און שטעל זיך אָפּ

לעם שמאָלער סטעזשקע צווישן קאָרן־זאַנגען
און מיטאַמאָל — מײַן ליבלינג, די קוקאַווקע,
איר זילבער־קול,
די טיאָכקענדיקע קו־קו־קלאַנגען...
פון ערגעץ זייער נאָנט זי רופט מיך:
— — קו־קו... קו־קו...
עס נעמען מײַנע אַקסלען צוקן
און כ׳לאָז זיך לויפן און איך שרײַ:
קוקאַווקע האַרציקע, כ׳שטיי דאָ דערבײַ...
נאָר איך דערקען זיך ניט...
גאָר אַנדערע העוויות
ס׳איז עפּעס ניט מײַן קול, ס׳איז ניט מײַן שטים:
— — „אני לא רואה
שלושה ילדים קטנים בבית״ —
פון תל־אביבער תחנה מרכזית דער בלינדער גאָר
מיט קלינגענדיקער פּושקע, —
רחמנות, —
ער כאַפּט אַרום מיך קושן...
צי האָב איך דען די בלינדע שטאָר?...
נאָר כ׳לייג אויף דעם קיין אַכט ניט,
כ׳לויף, און מיט דער פּושקע איך פאַרטשעפּע,
רײַב זיך צווישן קאָרן־זאַנגען, —
און שרײַ: קוקאַווקע ליבינקע,
דו שענק מיר אַ פּאָר קוקו־קלאַנגען...
— — — — — — — —
כ׳האָב אויפגעכאַפּט זיך...

יוני 1967...

I

איך האָב אַ טרײַען אויסשפּירער —
דער ווינט.
אַ פֿײַער, ווען דער שונא ווו
צעצינדט,
מײַן פֿרײַנד די בשׂורה אײַלט
מיר אָנצוזאָגן,
די ביטערניש פֿון רויך —
מיר ברענגט צו טראָגן.
ווען הינטער טײַך אין וואַלד
דער פֿײַנט פֿאַרטראַכט
אויף מיר פֿאַרטײַעט אָנגרײַפֿן
בײַ נאַכט,
צערוישט דער ווינט דעם שאָרך
פֿון זײַנע טריט
און וואָרנט מיר באַצײַטנס:
— זײַ געהיט...

II

עס גייט דער ביסן מיר ניט אײַן אין מויל,
ווען איך קען פּיקס און פּאַרטיק
אין ברודערס ביקס
מגולגל ווערן אין אַ קויל.

מײַן ברודער האָט דאָך יונגע
שאַרפֿע אויגן.
די קויל וואָלט פֿינקטלעך
אין דעם שונאס האַרץ געפֿלויגן...

III

נעמסט מיך ווידער נאָכגיין
אויף די פּיאַטעס טרעטן...
ווי פֿון דיר אַנטרינען,
ווי פֿון דיר זיך רעטן?
לויפֿסט אַרויס פֿון פֿאָרנט
מיר דעם וועג פֿאַרשטעלן.
אוי, ווי איך וואָלט וועלן
מיט דיר בלק קנעלן...
סײַווי וועט די פֿײַנטשאַפֿט
אונדז דערעסן ביידן
און במילא מוזן
וועלן מיר זיך שיידן...

IV

דער ים, זע איך,
האָט וואָס צו זאָגן,
ער ווערט גאָר ניט מיד
זײַנע קרומלעכע שורות
אין ברעג צו פֿאַרשרײַבן.

זײַן אימפּעט נעמט טרײַבן
אין מיר די געבליטן און יאָגן...

V

פון אַלע דײַנע סטאַטועטקעס, שמאָכטעלײַקעס,
צי ווי מען רופט זיי אַנעט — סוּווענירן,
וואָס דײַן סערוואַנט און טואַליעט־טישל
באַצירן,
דער בלײַענער סאָלדאַטיק מיטן פײַקל
מיך לאָזט קיין רגע ניט צורו...
איך הער,
אַלץ הילכיק־רוישנדיקער מיט די שטעקלעך
קלאַפּט ער
און שיט דעם שרויט און מאַכט מיר אויפן
האַרצן שווער...
ער רופט די ברידער זײַנע צום געווער,
מיט פאָרוווּרף קוקט אויף מיר:
„ניט דריי קיין קאַפּטער..."

VI

די נערוון־ענדן פון דער גאָרער וועלט
צום האַרצן מײַנעם זענען צוגעפירט.
און ווי אַ נאָדל־שטאָך מײַן האַרץ דערשפּירט
דעם גלי פון מדבר־זאַמד
און צפון־קעלט.
אַזש פון דער ווײַטסטער ווײַט צו מיר דערגייט

אין אויגנבליק די פּיַנטשאַפט און דער האַס,
אין גוטן מוט און פלומרשט אין אַ שפּאַס...
אויף טויט און לעבן כ׳בין זיך ראַנגלען גרייט.

VII

אַ, וויפל דער שיר פון זיך לויפן, —
גענוג!
אַליין איינס, גיט אַרויס דיך
דיַין אייגענער שאָטן.
וועסט שמדן זיך,
אָנטאָן אַ חזירשן שנוק,
ניט העלפן וועט —
בריִען מע וועט דיך און בראָטן.
איין אויסוועג —
געוואַגט אין דיַין פאָלק
שלים זיך אָן,
צו שטאַרקן די קראַפט
פון דיַין קליינער משפחה,
אין שלאַכט צו אַרויס אינעם גרויסן
צולהכעיס —
אַן אויג פאַר אַן אויג און אַ צאָן פאַר אַ צאָן...

יוני 1967, קאָקטעבעל (קרים) — מינסק.

יוגנט פֿאַרהונגערטע

לעבן פענצטער

עפּעס ליב איז מיר צו זיצן לעבן פענצטער,
אַנגעלייגט אויף אים די מידע הענט.
מײַן בעסטער חבר איז ער און דער שטילסטער
צווישן גרױלעכע פיר שטילע װענט.
אױפצופלײַסן דרעמלט אײַן מײַן קלײנע שװעסטער
און בלײַבט רויִק מיט אַ שמייכל אויף דער ליפּ...
איז מיר ליבער זײַן אַליין און לעבן פענצטער
אין אַ שטילער און אַ מידער שטוב.
וועט אַ גרינגער און אַ פרישער זײַן מײַן קלערן.
וועל איך נעמען דאַן אַ בויגעלע פּאַפּיר.
וועט אַ קיצל טאָן אַ קאַלטע שויב מײַן שטערן
און אַ קריץ טאָן שטיל:
— שרײַב, שעם זיך ניט פאַר מיר.

וויטעבסק, 1926 יאָר.

ווּ ווער איך אַנטרונען

1

איך קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען
פון סאַמען פון פרײַען באַגינען.
איך בין שוין אַ פולער מיט זונען.
ווּ ווער איך, ווּ ווער איך אַנטרונען?
ווען ס׳וואָלט איצט די ערד אונטער פיס אונטער מײַנע
זיך שפּאַלטן
און פלוצעם פון קאַלטינקע וואַסער
אַ קוואַל וואָלט גערונען,
איך וואָלט אויפן אָפּגרונט פון קוואַל זיך
באַהאַלטן,
אַזש די זון וואָלט מיך אויך ניט געפונען.

2

צוליגן וועל איך אַ פענכער מיט אײַז צו די שלייפן
און כ׳וועל לויפן און לויפן און לויפן
און כ׳וועל ווּ געפינען
אַ ברונעם מיט שאָטנס מיט פרישע,
וועל איך זיך מיט שאָטנס באַגיסן
און ווײַטער זיך יאָגן און יאָגן
צו ערטער אַ וועלכע ס׳פאַרמאָגן
ווינקלען פאַרשאָטנטע, קאַלטע,
דאָרט וועל איך מײַן לײַב מײַן צעגליטן
באַהאַלטן,
וועט אפשר מײַן לײַב זיך דאָרט קילן...

1927.

פון מאַניעווערס

אַ טאָג האָט אַ גרויער צושלעפּן געבראַכט
אַן אַלטע, אַ בלינדע, אַ קוואַטשיקע נאַכט;
אַ וואָרף זי געגעבן אונדז איבערן וועג
און אַליין איז ער הינקענדיק קוים וואָס אַוועק.
און די נאַכט איז געבליבן און האָט זיך צעוויינט
און זי וויל שוין אויך מיט אונדז אַלעמען גיין.
זי האָט זיך פאַרטשעפּעט פאַר אונדזערע טריט,
נו, וואָס קענסטו העלפן, זי גייט מיט אונדז מיט.
ווער איך מיר דרייסטער, ווען כ'טו מיר אַ טראַכט:
איך שלעפּ אויף די פּלייצעס אַ ביקס מיט אַ נאַכט.

.1927

* * *

וואָס זשע רירסטו, באַן, זיך,
וואָס זשע דאַרפסטו אײַלן?
דו וועסט נאָך באַוויַיזן
אומלויפן מיט מײַלן.
בלײַב אַ ווײַלע שטיין דאָ,
בלײַב כאָטש אויף אַ רגע,
ס'וועלן אויף דיר וואַרטן
אַלע דײַנע וועגן.
זעסט, פון יענעם פענצטער
שמייכלט מיר אַ מיידל,
מוז איך צו איר צוגיין

נאָך אַ מאָל זיך שיידן,
מוז איך איר אַ פּרעס טאָן
נאָך אַ מאָל די פינגער,
עס זאָל נעמען כרושטשען,
עס זאָל נעמען זינגען...
נאָר דער באַן איז ווײַט שוין,
ווײַט אַוועקגעפלויגן.
כ׳קאָן אים שוין ניט כאַפּן
אַפילו מיט די אויגן.
איז מיר נאָר פאַרבליבן
יענער גוטער שמייכל.
וועט מיר זײַן אַן אָנדענק,
וועט מיר זײַן אַ זכר.

.1928

* * *

אַ בייזע שטראָף
האָט מיר מײַן אומרויִקע יוגנט צוגעדינט
און אָנגעטראָגן אויף מײַן קליינינקן באַוווסטזײַן
אַ בהלה.
ווײַזט אויס, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד
האָט זיך געמוזט אין מײַן זכרון־נעץ
פאַרפּלאָנטערן
אַן אומגעלומפּערט שיינער חלום.
אַ חלום, ווי אויף אַ הויכן פעלדז איך שטיי
און כ׳רייד מיט זינגעוודיקע רייד אַראָפּ
צו גאַנצער וועלט

און אַלע קוועלן אָן
און אַלעמען געפעלט
און ביַי אַלע מענטשן זענען הענט
פאַר פאַטשן
שוין געוואָרן אָנגעקוואָלענע.
פון דעמאָלט אָן,
האָט עס זיך אין אַלע ווינקעלעך
ביַי מיר אין קאָפּ צעגרילט
האָט עס זיך אין אַלע ווינקעלעך
ביַי מיר אין קאָפּ צעשפּילט
און ס'צאַפּלט אַלץ
אָט יענע בלינדע שווינדלדיקע חלום-שיַין:
— ס'וועט זיַין,
ס'וועט זיַין!

קיִעוו 1930 י.

* * *

דופטן אינדערלופטן שוימען,
פרילינג, שיכּורניק דו דולער,
פאַר די קנאָספּן אויף די בוימער
איז די גאַס מיט מיידלעך פולער.
גרינג-געקליידטע מיידלעך גייען,
אַלע שיינע, אַלע יונגע,
ניט צערייַסן זיך אויף צווייען,
נאָר אויף שדים ווייס איך וויפל
וואָלט איך זיך צעטאַנצט,
צעשפּרונגען —
מייַנע ווילדע פרילינג-אויגן

קענען שוין ניט איינזיין לענגער,
ווי די אָפּגעלאָזטע בויגנס
וועלן זיי צעפּליִען באַלד זיך
אַנצוכאַפּן, אַנצוהענגען
יעדער מיידל אויפן האַלדז זיך.

1930 י.

בין איך ווידער שוין יונג...

אויף דער רווישיקסטער גאַס פון מײַן שטאָט
האָט אַ מענטש הײַנט,
מיט ליבלעכן אָפּשײַ דערקענט מיך —
בין איך ווידער שוין יונג
און מײַן טראָט שוין אַ היימלעכער, גרינגער.
אַזוי אויך אַ כליפּענדיק ייִנגל,
ווען די מאַמע שוין קומט אויף צוריק פונעם מאַרק
מיט אַ פול-פולן קויש
און אַ ווײַסינקן שנייִיקן ענטל,
לויפט עס גלײַך פון פאַרכליפּעטן ווינקל אַרויס
מיט אַ שפּרונג
און אַ פריידיקן פּאַטש אין די הענטלעך.
— — — — — — — —
אויף דער רווישיקסטער גאַס פון מײַן שטאָט
האָט אַ מענטש הײַנט
מיט ליבלעכן אָפּשײַ דערקענט מיך.

1929 י.

* * *

צו פּאַרנאַכט, ווען ס׳וועט זיך שוין מײַן מידקייט
מיט מיר נעמען רייצן
און שווערע גיפטן אָנגיסן אין אַלע מײַנע ביינער,
וועל איך ווי אַ פערדל מיט אָפּגעלאָזטע לייצעס
בלײַבן שטיין זיך ערגעץ אין אַ געסל
איינער, איינער...
און קוקן לאַנג וועל איך אין פּוסטע, ווײַטע רוימען,
אפשר וועל איך דאָרטן צווישן שטערנדלעך
נאָך עפּעס וואָס געפינען.
מידערהייט אַנטפּלעקן זיך אין מיר אַזויפיל טרוימען,
ווי מאַלפּעס האָריקע זיי שפּרינגען אום
בײַ מיר אין זינען.
און לאַנג אַזוי וועל איך אין געסל בלײַבן שטיין
אַ צוגעטשעפּעטער אַ צוגעקלעפּטער צו דער ערד,
ביז פאַרשעמען וועל איך מיר פאַר זיך און פאַר מײַן שטיין
און אַ טרײַב וועל איך זיך געבן, ווי אַ פערד.

.1930 י

* * *

הינטער שטאָט ערגעץ-ווו,
גיי איך קוים וואָס אַרום,
מיט איין האַנט האַלט איך שטײַף
די צווייטע האַנט צו
און כ׳באַקלער מיט אַ שמייכל

די בלויע די צײַנערנע ראָד,
וואָס האָט אויף דער האַנט זיך
דער צווייטער געמאָלט...
ווי געשווינדט אין דער טיף פון מײַן הויט זי אַנטלויפט...
נאָר אַ רויטלעכער שאָטן מיט קאַרבן בלײַבט שטיין.
פאַרגלוסט זיך מיר פלוצעם צו ציילן די ציין,
די ברודיקע ציין פון מײַן ברודיקן מויל
און אַ ראָד אויף אַ ראָד אויף מײַן האַנט מערק איך אָן,
שווימט אויף פון מײַן הויט אַזוי קלאָר יעדער צאָן,
כאַטש נעם אין אַ קופּקעלע שאָר זיי צונויף
און אַ בעטלער, וואָס האָט ניט קיין ציינער פאַרקויף...
הינטער שטאָט, ערגעץ ווו
גיי איך קוים וואָס אַרום,
מיט איין האַנט האַלט איך שטײַף
די צווייטע האַנט צו...

1929 י.

* * *

וואָס איך זאָל ניט זעען,
זע איך אַלץ קאַפּויער,
פּײַן איז בײַ מיר פרייד,
פרייד איז בײַ מיר טרויער.
פאַרט פאַרבײַ אַן אָרון,
ווער איך עפּעס מונטער,
ווערט אַ קינד געבאָרן,
כ'לאָז מײַן קאָפּ אַרונטער.
זע איך דורך די פענצטער

פון אַ שטוב אַ נײַער
ס׳פֿראַוועז מענטשן פֿריילעך
אַ חנוכּת־הבית,
פֿיל איך שוין די שׂריפֿה,
ס׳שפּריצט און קנאַקט דער פֿײַער
און די מענטשן לויפֿן,
יאָמערן און שרײַען.
ווייס איך ניט וואָס איז דאָס,
וואָס זאָל דאָס באַטײַטן —
ס׳איז בײַ מיר אין קאָפּ דאָרט,
גאָרניט ווי בײַ לײַטן...

וויטעבסק, 1928 י.

די גוט־באַקאַנטע גאָס...

1942 יאָר...

די גלידער פון פראָסט אויפגעדרייטע,
אין רוסישע סטעפּעס פאַרשנייטע
ביַי סטאַלינגראַד,
אויסגעמאָגערט און הונגעריק און מאַט,
זאַווערוכעס די אויגן פאַרקלעפּן,
אויף שליטלעך מיר שלעפּן
מינאָמיאָטן און ביקס — פּ.ט.ר.
ס'איז שווער, אוי ווי ס'איז שווער...
ווי די פערד אין האַלאָבליעס מיר פאַלן.
מיט אַ „רוסישער ברכה",
אַזוי ווי מיט בייַטשן
די פראָסטיקע לופט מיר צעקנאַלן.
אין שליטלעך געשפּאַנט אַן עפּאָכע!
אויף דער נשמה איז קרירהדיק-קאַלט,
מיר הויבן אַליין זיך שוין אופּעט
מיט גוואַלד
און שטופּן און שלעפּן און ציִען
מיט פאַרחלשטע הענט
און מיט אויגן וואָס גליִען,
דורך שנייַדיקן ווינט
דורך סטעפּ דעם פאַרשנייטן,
אַ וויאָרסט פינף-און-צוואַנציק
צום כוטער צום צווייטן —
טונדוטאָווע,
אַוואַגאַניעראָווע,

גנילאָאַקסײַסק,
דו פֿאַלסט פֿון די פּיס,
נאָר דו שטײַפֿסט זיך און שווײַגסט...
און ציסט פֿון שיניעל
אַ פֿאַרפֿרוירן סוכאַר
און בײַסט זיך ביז בלוט אײַן
די ליפּן דערפֿאַר;
פֿון פֿראָסט ווערן הימלשע ווײַטן —
צעצונדענע שײַטערס,
ווי בלוילעכע ליפּן
פֿאַרביסענע, דינע...
פֿון בלוטיקער שׂנאה
צום פֿײַנט
אַזש דער צונג מײַנער שטאַמלט...
די כּוחות די לעצטע
צונויפֿשווינגעזאַמלט,
דורך טיפֿע, דורך שנייִקע קופּעס
מיר קריכן די טאַנקן אַנטקעגן
פֿון דער דײַטשישער גרופּע
מײַנשטיימס,
וואָס וויל צוהילף פּאַולסן גיין.
מיר מוזן זיי מיט פֿײַער פֿאַרהאַלטן.

אַן אַלטער סאָלדאַט פֿון סיביר
איז שטיל נעבן שליטל געבליבן...
ער מורמלט צו מיר:
— טײַערער, כ׳קען מער ניט...
איך וועל איצטער שטאַרבן...

כ'האָב מיט שניי אים די שלייפן געריבן,
נאָר זײַן קאָפּ שוין ניט מער,
ווי אַ שאַרבן...
און אויפן לאַפּעט אים מיר לייגן אַרופּעט
פון קעגן־טאַנק האַרמאַטע.
דאָס פערד דאָס צעדאַרטע
אַ קער טוט דעם קאָפּ תּמעוואַטע —
דער בר־מינן מאַכט שווער אים אינגאַנצן.
סאָלדאַטישע אויגן
מיט גרינלעכע פײַערן גלאַנצן...
אַ רענדל דו גיב פּאַר אַ טרער...
מיר שווײַגן און שלעפּן שוין ווידער די שליטלעך,
ס'איז שווער, אוי ווי ס'איז שווער...

— — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — —

אַ פּאָזימקע...

לעם ראַנד פון וואַלד איז אונדזער ראָטע,
איך פּרעס זיך צו דער ערד דער גרינער.
ס'האָט אָקאָרשט־וואָס דער פּײַנט געשאָטן
איבער דיביימער שווערע מינעס.
געפּלאַצט זיי האָבן אויף די צווײַגן,
דער פּולווער־רויך, דער עסיק־שאַרפער
נאָך הענגט אין לופט. פאַרשטומט מיר שווײַגן,
מיר ווען באַלד אין שלאַכט זיך וואַרפן

און צו דעם זאַלפּ פון די „קאַטיושעס״
מיט קלאַפּנדיקן האַרץ זיך ריכטן...
פאַר מײַנע אומרויִקע בליקן,
גלײַך עמיץ ציט דאָס האַרץ מיט צוואַנגען,
אַ פּאָזימקע אַ רויטע פינקלט,
ס׳איז מיט דער האַנט זי צו דערלאַנגען.
און כאָטש כ׳האָב דאָן אין וואַלד געצווייפלט,
צי אין דעם שלאַכט כ׳וועל בלײַבן לעבן,
נאָר צו דער יאַגדע, ווי אַן עופל
כ׳האָב גיריק זיך אַ צי געגעבן.
און ווען מיר האָבן זיך דורך פלאַמען
צום פײַנט אין דאָרף אַרײַנגעריסן,
געווען אויף מײַן צונג דער טעם איז
פון רויטן טראָפּן זאַפט דעם זיסן.

געזעגענונג...

העגעך שווערדיקס אָגדעגק

מיר האָבן אָקאָרשט וואָס דעם דײַטש
פון דאָרף אַרויסגעטריבן.
נאָך פײַפט אַ קויל,
נאָר שוין אין פולן וווּקס מיר גייען.
פאַרבײַגייענדיק, כ׳בין אויף אַ רגע שטיין געבליבן
אַ קוק צו טאָן אויף דעם סאָלדאַט,
וואָס מיט הורא-געשרייען
דער ערשטער ט׳זיך געלאָזט צום ישוב לויפן,
נאָר ס׳האָט אַ קויל צעלעכערט זײַנע שלייפן,

איז ליגט ער מיט איין באַק צום שנײ,
דאָס מויל האַלב אָפֿן
(אַ צענדליק טריט צום ישוב ניט דערלאָפֿן),
מיר האָבן זיך מיט אים באַגעגנט בליק צו בליק,
נאָר כ׳האָב זײַן טויטן קוק ניט אויסגעהאַלטן.
— פֿאָרויס, — שרײַט דער קאָמבאַט, —
אין דאָרף אַרײַן מיט גליק! —
איך גיב מײַן קאָפּ אַ קער אוים אויף צוריק
זיך זעגענען מיט דעם,
וואָס בלײַבט אין שנײ אין קאַלטן...

* * *

מיר טרײַבן דעם דײַטש אַזוי גוט, אַזוי פֿײַן,
ווי אַ וואָלף אַ פֿאַריאָגטן,
וואָס לויפֿט פֿונעם שײַער...
מיר כאַפּן זיך אין אַ פּוילישן שטעטל אַרײַן,
פֿאַרשוואַרצטע פֿון רויך און פֿון פֿײַער.
בײַ טירן און טויערן קינדער און פֿרויען אַסאַך,
ס׳ווערט גלײַך יעדער שטוב אַן אַכסניה.
פּשע-פּראַשעם, — פֿרעג איך אויף דער פּוילישער שפּראַך, —
דאָס שטעטל ווי הייסט, פּראָשע פּאַניע?..
נאָך מײַן בליק און מײַן קול זי דערקענט ווער איך בין,
זי באַטראַכט מיך מיט נײַגער מיט טריבן:
— אַז וואָס פֿאַר אַ שטעטל און האָט דען
דער נאָמען אַ זין,
אַז אין שטעטל איז קיין איינציקער ייִד ניט געבליבן...
מיר טרײַבן דעם דײַטש אַזוי גוט, אַזוי פֿײַן,

ווי אַ וואָלף אַ פֿאַריאָגטן,
וואָס לויפֿט פֿונעם שײַער...
מיר כאַפּן זיך אין אַ פּוילישן שטעטל אַרײַן
פֿאַרשוואַרצטע פֿון רויך און פֿון פֿײַער.

סאָלדאַטסקע טרערן

נאָך דעם, ווי כ'בין מיט שלאַכטן דורך
מײַן שליאַך מײַן ביטער־שווערן,
איז ווען איך גיי אַצינד איבער אַ וועג
מיט פּראָסטע שטיינער אויסגעפּלאַסטערט,
פֿאַרבײַ פֿליט אַ מחשבה,
ווי אַ לאַסטעוועקע —
דאָס זענען מײַנע מאַנסבלשע סאָלדאַטסקע טרערן...

* * *

מיר קאָסט עס שטענדיק אָפּ אַ שטיק געזונט,
ווען כ'קום צו גיין
צו שייד־וועגן,
צו וועגן, וואָס זיך קרייצן...
און ניט פֿון מידקײַט — ניין,
זיי וועקן אויף אין מיר מײַן אַלטע ווונד
און די נשמה מיר מיט פּײַן פֿאַרפּלייצן...

ס׳דערמאָנען פינף פּאַטראָנעס...

אין פרילינג-וואַלד צווישן סאָסנע-ביימער
טאַפּט פּלוצעם אָן מײַן קוליע-שטעקן
מיט קוילן אַ פאַרשזאַווערטע אָבוימע. (*)
צעפוילטע שוואַרצע בלעטער זי באַדעקן.
איך הייב זי אויף. ס׳דערמאָנען פינף פּאַטראָנעס
אַ פאַרקאַלייעטע, צעקנייטשטע האַנט
פון אַ סאָלדאַט... זײַן מרהשחורה-פּנים
דערזע איך אין טראַנשיי בײַם פּאָדער-ראַנד...
און מיט מײַן שטעקן כ׳עגבער אוים אַ גריבל.
אין פײַכטער ערד דעם ווימטן קריג כ׳פאַרגראָב.
אַזוי אַנטרינען זאָל די שׂנאה און פאַריבל.
צו מילדער פרילינג-זון איך הייב מײַן קאָפּ...

* * *

פיר יאָר איז געוואָרן מײַן ייִנגל,
מיט וואָס-זשע דערפרייט מען אים? — שאַט!
איך וועל אים מײַן קעסטעלע צירונג
באַווײַזן אַצינד, אָקוראַט.
פאַרוויקלט, פאַרדרייט אין אַ שאַליק,
אין טיפסטן שופלאָד אויפן דעק,
דאָס קעסטעלע אָרדנס, מעדאַלן —

(*) אָבוימע (רוסיש) — לאַדונג.

מײַן רײַכטום, מײַן גאַנצער פֿאַרמעג.
די גאָלדיקע, גלאַנציקע צײכנס
צעשײַנט האָבן זיך און צעבלענדט.
דערזעט עס מײַן ייִנגל — מיט כּוחות
ער רײַסט עס בײַ מיר פֿון די הענט.
איך גיב ניט, איך פּרוּװ אים דערקלערן:
מײַן זון, כ'האָב אין שלאַכט זײ פֿאַרדינט!
ער שרײַט און פֿאַרגײט זיך מיט טרערן:
— די צאַצקעס דערלאַנג מיר, געשװינדט! —
ער פֿילדערט, עס העלפֿט מיר שױן גאָרניט,
ער בריקעט מיט פֿיסלעך אין דיל.
נו, שװײַג שױן, נו, נאַ דיר די אָרדנס,
נו, שטיל זײַ, נאַ שפּיל זיך שױן, שפּיל!

מינסק, 1961 י.

די גוט־באַקאַנטע גאַס...

די גוט־באַקאַנטע־גאַס... כ'גײ מיט מײַן קלײנעם זון —
מײַן אַקסל גיט ניט װילנדיק אַ ציטער.
איך גלעט זײַן קאָפּ. ער װײסט דאָך גאָרנישט ניט דערפֿון,
אַז איבער אָט די זעלבע שטײנער,
צו דער שחיטה
געפֿירט מע האָט צוריק מיט צװאַנציק יאָר
זײַן ברודערל — מײַן בכור.
קײן זיבן איז ער נאָך ניט אַלט געװעזן.

ס׳איז מײַן מיזיניק אויך אַצינד אַזויפֿיל.
נאָר וויזשע אים פֿון דעם דערציילן כ׳קען,
כאָטש ער איז ווײַט שוין ניט קיין עופֿל.
מיט אים איך גיי איבער דער גוט־באַקאַנטער גאַס...
ניט אײַנגעשטילט עס ווערט אין מיר דער ווײ און האַס,
ווען ס׳זעט אַצינד ניט קיינער,
וואָלט איך געקושט פֿון אָט דער גאַס די שטיינער...

מינסק, 1963 י.

* * *

ווען אַנטקעגן אָבעליסק פּאַנאַרער,
בין איך מיד פֿון וועג געבליבן שטיין,
רויט ווי בלוט געווען דער זוים פֿון יער איז,
ס׳האָט די זון געהאַלטן בײַם פֿאַרגיין.
אין דעם פֿרישן אָפּשײַן פֿון דער שקיעה
איז געפֿלויגן הויך אַן עראָפּלאַן,
אויפֿגעהויבן האָב איך מײַנע וויִעס,
האָט מיט פֿלאַם אַ בלאַנק געטאָן מיר דאַן
זײַנס אַ פֿליגל אין דער ראָזער כמאַרע...

— — — — — — — — — — — — — —

טונקעלער בײַם דענקמאָל ווערט פּאַנאַרער.
פֿון געשטיין די קוויטן — שוואַרצער קרעפּ.
ס׳שלאָגט אין ברוסט דאָס בלוט
מיט דונער־קלעפּ —
נקמה !..

ווילנע

* * *

איך קען מײַן נקמה
ניט שטילן,
מיט זיסינקע רייד
ניט פאַרהילן.
כ׳וויל מיט מײַן נשמה
ניט קרימען,
עס קומען אין דמיון מיר
לוי און שמעון:
זיי לאָזן קיין הויז ניט אַ דורך
קיין טיר
און קיין טויער...
גרויס איז מײַן פּײַן,
טיף איז מײַן טרויער...

* * *

ווייס, דײַן האַרץ איז אַ פּיצל ווולקאַן
און פאַרשטילט, אויסגעלאָשן זײַן קראַטער.
נאָר מיט פּחדים דײַן זינען ניט מאַטער.
ס׳וועט קיין זאַך ניט פּאַסירן... און דאַן,
ווען דו וועסט זיך אויף גאָרנישט ניט ריכטן,
וועט אַ פלאַם פון די טיף-טיפע שיכטן
טאָן אַ זעץ
און צום הימל דערגרייכן,

בלײַבן דאָרט,
ווי אַ בלוטיקער צייכן...

אויף קיין רגע...

אויף דער ברוסט,
אויף אַקסלען מײַנע,
אויפן היטל,
לאַנג ניטאָ קיין סימן
פון קיין ראַנג און טיטל.
נאָר אין האַרצן מײַנעם
דער געפיל —
אויף קיין רגע ווערט ער ניט צוויל:
ס׳קלאַפּט דער אומרו, אָן אַן אויפהער דאַכט —
ווידער טראָגט דער אימפּעט מיך אין שלאַכט.

דאָס מזלדיקע קייטעלע

אחר המעשה...

ווען כ'בין געווען אין שלאַכט בײַ סטאַלינגראַד,
דערהרגעט האָט מײַן ווײַב און קינד דער קאַט.
כ'האָב לעם בערלין דערנאָך אַ פוס פאַרלוירן
און נאָכן קריג האָט מען מיך אָפּגעשוירן,
אַלס אַרעסטאַנט פאַרטריבן מיך בשתיקה,
ווו ס'וואַקסט דער שוואַרצער פעפער.
געלעקט דאָרט האָב איך האָניק מיט אַ גרויסער לעפל,
געשניטן דראַנקע און געשונדן ליקע,
פון דראָט צעבויגענעם געמאַכט כ'האָב טשוועקעס,
אָן קינד, אָן רינד, אָן האַק־און־פּאַק
און אחר המעשׂה
בין איך נאָך אַליין —
דער ייִד־כיטראַק...

* * *

ווען ס'האָט אַ בלענדט געטאָן פאַר מיר זײַן חלף
און זיך דערפילט האָב איך אין פעל פון שאָף,
ערשט דאַן פאַרשטאַנען האָב איך אַלץ פון אלף
ביסקל תוו...

ביי דער קראַטע

1

אין דער שטיינערנער שטייג
ביי אַ שפּעלטל פון שיין
כ׳בין פאַרזונקען אין פּיין.
אַ צעבראָכענע צווייג...
הויבט נאָר אָנעט צו טאָגן,
נעמט דער אימפּעט מיך טראָגן,
הין־און־הער די צוויי טריט
איבער דיל פון צעמענט,
אין פאַרחושעכטע ווענט...
מיין זכּרון פאַרהיט
דער לבנה׳ס אַ בליק
דורך דער אייזערנער קראַטע...
אויף מיין נאַרע איך ליג,
ווי אַ שמאַטע...

2

אַריינגעשליידערט מיך אין קאַזעמאַט.
געדראָט מיר און געשאָלטן: — האָסט פאַראַט!
... איך שטעל זיך קוים אַוועק
אויף די שפּיץ פינגער
און פאַר די אויגן נעמט אַלץ
שווינדלען, שפּרינגען...

איך הייב דעם קאָפּ,
דעם האַלדז כ׳שטרעק זשעדנע אוים,
דאָך קען מײַן מידער בליק באַמערקן בלויז
דורך שוואַרצער קראַטע און פאַרשמירטער שויב
אַ פּיצל־הימל און דאַכרינע־טרויב,
אַ שוואַלבן־נעסט בײַם ברעג פון דעם קאַרניז...
ס׳פאַרגייט דאָס האַרץ פון וויי...
איך הער ווי זים
עס הילכט פאַרטויבט דער שוואַלב־געשריי;
אָן כּוחות בײַ דער דיקער וואַנט איך שטיי.

* * *

נאָך אַ טאָג קאַטאָרגע
אין וואַלד אין כוויִקן סיבירער
איז ליב געווען מיר אָנצושעפּן
קאַלטן וואַסער קוואַליקן
אַ בלעכענעם קענדל,
כּדי פאַרזופּן מיט הנאה
מײַן יעדן ביסן ברויט
און פרײַ דערבײַ קאָנען טראַכטן:
ריכטיק טאַקע, אַז מען האַקט
אַ וואַלד,
פליִען שפּענער,
נאָר אַ מענטש איז דאָך ניט קיין שפּענדל
און ניט מיסט און קויט...

* * *

אויך איבער מיר,
געבוירענעם
אין פּאַניעווועזש,
בעליטע,
האָסט, טויט,
ווי איבער אַלעמען,
די זעלבע מאַכט
און שליטה.
איך ווייס,
איך בין דײַן קעפּל קרויט
און ווערסט אויך מיך
צעשאַטקעווען במילא,
נאָר וואַרט,
ניט וואַרף אויף מיר אַרויף אַצינד
דײַן נאַכט-פּאַטשיילע...
פאַרשטיי מײַן לאַגע —
אַוודאי אַ יאָר צוועלף,
אין פײַער-שלאַכטן,
אין שפּיטעלער,
אין סטאַלין-לאַגער,
אַרומגערינגלט מיט הינט
און וועלף צווייפיסיקע,
האָב איך דאָך, טויט,
די לידער מײַנע ניט געזונגען.
און וויפל יונגע יאָרן כ׳האָב דערצו

מײַן ביטער ברויט
אין כאַפּעניש און שמײַעניש
געשלונגען,
איז קריך זשע ניט אַצינד
מיט דײַנע שוואַרצע פֿינגער...
און לאָזשע, לאָזשע מיר
מײַן ליד מײַן טײַער ליד דערזינגען.
אויך איבער מיר,
געבוירענעם אין פּאָניעוועזש,
בעליטע,
האָסט, טויט,
ווי איבער אַלעמען,
די זעלבע מאַכט און שליטה.
איך בין דײַן קעפּל קרויט
און וועסט אויך מיך
צעשאַטקעווען, במילא,
נאָר וואַרט, ניט וואַרף אויף מיר אַרויף אַצינד
דײַן נאַכט־פּאַטשיילע...

מינסק, 1962 י.

* * *

מײַן אומרו און פּאַרדראָס,
זיי וועלן דיך ניט רירן.
איז וואָס־זשע בלײַבט מיר, וואָס?
וואָס קאָן איך שוין פֿאַרלירן?
כ׳באַווײַז זיך אין דײַן הויז
פֿאַרשטעלט, ווי אויף דער בינע,

אַ לץ מיט אַ דורכוים
אַ גלאָמפּעוואַטער מינע...

* * *

פון צײַט צו צײַט,
נאָר עפּטער אינדערוואָכן,
זיך כאַפּט אַרײַן צו מיר
איוואַן אַנדרייעוויטש
מײַן זייער נײַגעריקער שכן.
קיין ענין האָט ער ניט,
נאָר סתּם אַזוי,
אַ טאַפּ טאָן אין מײַן וואָגן,
וואָס טוט אַ שטייגער איצט
דער ייִד,
צי איז ער ניט
פון עפּעס־וואָס צעטראָגן?...

יעוו־ריי...

ווו כ'זאָל ניט טרעפן דיך —
אין שטוב, אין רעסטאָראַן,
אין טעאַטער,
צי אין טראָליבוס, אָדער סתּם אין גאַס,
כ'זע אומעטום, ווי אויסגעהיילט ביסטו,
ווי אדם־נאַקעט;

די אָנגעהעריקײַט צום פֿאָלק דײַנעם —
אין פּאַס:
דאָרט איז מיט גלאַנציק־שוואַרצן טוש
פֿאַרשריבן,
אַלץ־אַלץ, וואָס איז פֿון דיר און פֿון דײַן
פֿאָלק געבליבן.
און, ווי פֿון העלער הויט אַ האָנען־קריי,
צוויי זילבן גרילצן דורך אין לופֿט — יעוו־ריי...

* * *

אַז ווויל צו מיר אַצינד, אַז ווויל,
אויף מײַן באַריידעוודיקן מויל,
איך דאַרף שוין גאָרניט אָנהענגען
קיין שלעסל —
איך גיי אַרום איצט שווײַגנדיקערהייט,
עס האָבן אויסגעדעמפּט
און אויסגעקאָכט זיך מײַנע רייד,
ווי וואַסער אין אַ קעסל.
געבליבן מער ניט אויפֿן דעק
איז ראָפּע־זאַלץ —
מײַן וויי און שרעק.
געווען אַ ווערטל־זאָגער,
חוזק־מאַכער,
אָנגעכאַפּטער פּעסן
און איצט, טשיקאַווע,
איז אַ וואָרט פֿון מיר
מיט צוואַנגען ניט אַרויסצורײַסן...

1956 י.

כ׳דעק דײַן ביטול מיט געלעכטער

כ׳ווייס, איך האָב בײַ דיר אַזאַ באַטרעף,
ווי אַ שישקע, וואָס אין וואַלד זיך וואַלגערט —
נאָר דאָס ברענגט מיר ניט קיין שבר־לב
אין די אויגן מיר די זון אַ שטראַל גיט,
לעם מײַן פוס די שישקעלע באַהעלט,
צוגעטוליעט צו דער ערד דער ווייכער,
ליגט זי רויק. זי האָט אירס דערגרייכט שוין,
צײַטיק, ברוין געוואָרן פאַר גאָטס וועלט.
אָנגעטרויט דעם ווינט די רײַפע זוימען.
קיינער, קיינער שטערט איר איצט ניט טרוימען,
זען אין חלום אירע סאָסנעס־טעכטער...
און איך דעק דײַן ביטול מיט געלעכטער...

* * *

גענוג מיר דרייט און עגבערט זיך אָן דעם
דער קאָפּ.
כ׳וועל אײַך, ימח שמוניקעס, נאָכזאָגן הײַנט,
ווי סענדערל די יידענע —
בײַ מיר האָט איר געפּועלט,
איר ווילט אַזוי, זאָל זײַן אַזוי,
אַ דאגה איך האָב
(פאַרליבט כ׳בין אין זײַן תּמימות,
אין זײַן פּיקחות, פּשוטקײַט און בריהשאַפט),

איז זאָל זײַן — ניט קיין נאַציע,
ניט קיין פאָלק
און ניט קיין פעלקערשאַפט —
אַ פּראָסטער חי־וקיים, אַ פּאָעט,
אַ בירגער פון דער ייִדישער נאַציאָנאַליטעט
און האָדי — טראַסקעט ניט די וועלט,
כאָטש רופט מיך טעפּל אָן,
אַבי אין אויוון ניט שטעלט...

1968 י. מינסק.

* * *

עד מתי, ס׳בײַכל פּאַטשן זיך און גלעטן,
אין בוזים פייגעלעך זיך לייגן,
ווּ זענען, זאָג מיר, דײַנע אויגן? —
די זעלבע פּאָליציי־לײַט וועלן קומען
ווערגן דיך און טרעטן,
ניט ראַטעווען וועט דיך דײַן טראַסקערײַ
אין עמערס און אין בלעכן...
צעיושעט וועלן זיי דיך שנײַדן, שטעכן
אין העלן מיטן טאָג.
איז וואָס־זשע מאַכסטו זיך קילעיאָדע,
זאָג? —
נאָר סײַדן, רעכנסט אויס, דײַן שנור
מאַרוסיאַ, צי סטעפּאַן דײַן איידעם,
דיך וועלן אויף אַ פּויערישער פור
אַוועקפירן אין דאָרף

באַהאַלטן אויפֿן בוידעם? —
צי אויף לאַנג אָבער?..

אירפּען, אוקראַינע, 1968 י.

* * *

בײַ מיר פֿועלן
ביסטו אימשטאַנד —
מיטן שׂכל
און מיטן פֿאַרשטאַנד.
נאָר מײַן נשמה
איז אַ קנאַפּע חכמה
און בונטעוועט זיך
נאָכאַנאַנד.

* * *

איך זאָל לעזן ביכער
און שווײַגן? —
חיות ניט זיכער,
ווײַל וואָס-זשע קען דיך איבערצײַגן,
צי כ'טראַכט ניט וועגן דיר, בשעת מעשׂה שלעכט?
רעכט,
וועל איך שמייכלען.
טשעפּעסטו זיך צו מײַן שמייכל:
— ער איז אַ דינער,

ער איז מיט איבער־שׂכל,
דאָס חוזקסטו פֿון מיר
און האַלסט מיך פֿאַר אַ גרינער...
גוט, וועל איך לאַכן,
איז ווידער שלעכט גאָר,
נעמסט מיט דײַן אָנווײַז־פֿינגער
דראָען מיר און שרעקן:
— ס׳פֿאַרשטייט דאָס יעדעם ברעקל —
צו שאַנדע און צו שפּאָט מיך מאַכן
דו ווילסט פֿאַר אַלעמען אין די אויגן...
נו, אויב אַזוי,
כ׳וועל אין געהאַקטע ווונדן שטומען
און ווערן, ווערן אײַנגענומען...
נאָר סײַ ווי סײַ וועסטו ניט אויפֿהערן צו
טאַטשען מיך,
צו יאַדזיען און צו ברומען...

1965 י.

* * *

אין גאַס אין פּראַסטיקער מיר קומט אַנטקעגן
מיט אַ געזאַנג אַ הויכער נעגער.
ער זינגט פֿאַר זיך, ס׳פּליצט פֿון זײַן בליק אַ פֿרייד,
נישט אַנדערש, ווי ער וואָלט אין טרוים די רגע
גיין מיט זײַן היימיש מיידל זאַלבעצווייט
אין הייסער אַפֿריקע, צוועלף טויזנט מײַל פֿונדאַנען,
כ׳האָב אין זײַן איינזאַם זינגען אויפֿן קול פֿאַרשטאַנען —
ס׳איז שווער צו זײַן מיט אייגן פֿאָלק צעשיידט.

מינסק, 1967 י.

* * *

— שרײַבט אויפעט מיט אותיות ייִדישע
מײַן מאַמעס נאָמען — לאה
קוקט זי אויף דעם און חידושסט זיך:
— קאַק זשאַל, ניע אומייִו...
אַצינד, צייכנט אָן — אברהמל
אַזוי האָט מײַן פאָטער געהייסן, —
ס'איז — זאָג איך, — קיין קונץ ניט
קיין גרויסער. —
אַ בליץ אין איר בליק גיט אַ פלעמל.
און ס'ציט זיך איר האַנט
צו מײַן בלײַער.
און צינדט מײַנע פינגער מיט
פײַער...

פ י ד ל ־ ש פּ י ל

פידל־שפיל דורך ראַדיאָ איך הער,
אין דער לופט די זיסע טענער טײַען.
ווערט אויף דער נשמה ענג און שווער.
מאָדנע, נאָר איך קאָן זיך ניט באַפרײַען
פון אַ ביטער־גרויליקן געדאַנק
(פלאָנטערט אין מײַן קאָפּ זיך ווילד־משונה):
פלוצעם ווערט דערשטיקט דער מילדער קלאַנג
און די ערד פּלאַצט, ווי אַ זילבער־סטרונע...

* * *

ניט שפּרינג אומבאַטראַכט,
ווי אַ האָן
און סתּם
מיט די פויסטן ניט פּאָך.
דאָס לעבן שטעל דעמאָלט אין קאָן,
ווען דײַן פאָלק איז אין בראָך
און אַן אומגליק אים דראָט.
אָט דאַן קריך אין פלאַם
מיט דײַן גאַנצן באַראָט!

דאָס מזלדיקע קייטעלע

כ׳בין גרייט נאָך אײַנצולייגן וועלטן
און זײַן אין לאַסטן, עולן אײַנגעשפּאַנט —
דער גורל האָט אַ טרייסט געשיקט מיר
אויף דער עלטער —
מײַן זון־מיזיניק — צוואַנציק־יאָריקער חיל
און טײַערער איז מיר פון טײַערסטן בריליאַנט
דאָס אײַזערנע, דאָס פּראָסטע קייטעלע
מיט דעם „מספּר־אישי״ אַרום זײַן האַלדז...
אָ, גורל מײַנער פול מיט פּײַן און ווייטיקן,
פון אַלצדינג העכער כ׳שטעל מײַן איינציקן פאַרלאַנג:
אויב ס׳איז נאָך אונדזער ערד באַשערט אַ בייזע שלאַכט,

זאָל קומען גאַנץ מײַן זון צוריק
מיט אַלע זײַנע יונגע גלידער
און אויסקושן כ׳וואָלט אויף זײַן האַלדז
דאָס אײַזערנע, דאָס מזלדיקע קייטעלע
מיט מײַנע שעפּטשענדיקע לידער.

מגדיאל, 1976.

וועמען ס׳טו נאָכגיין
מיַין שאָטן?..

אַ פ ר י ל

אַפּריל, גייט זײַט אַ נביא און פֿאַרשטייט —
סע שנייט, סע האָגלט, ס׳רעגנט און סע שנייט.
דער ווינט טרײַבט וואָלקנס, וואָלקנס אָן אַן ענד.
און גרוי און טונקל ווערן מײַנע ווענט.
נאָר מיטאַמאָל גיט זון אַ פּלייץ מיט ליכט,
גלייך סקומט אַ העלע בשׂורה אומגעריכט,
גלייך דו, מיין טויב, צעעפֿנט האָסט די טיר
און ביסט אַרײַן מיט צאַרטקייט אָן אַ שיעור.
נאָר אומדערוואַרט די זון אויפֿסנײַ אַנטרינט
און ווידער — האָגל, רעגן, שניי און ווינט.

ס׳איז דער פּיקהאָלץ

„יעדער קומט אויף דער ערד מיט זײַן אייגענעם חן" —
אָ, דו, הייבסט דאָך אָן, ברודערקע, פּונקט ווי אַ מגיד.
בעסער בלײַב דאָ אין וואַלד אויף אַ רגעלע שטיין,
הער זיך אײַן צווישן סאָסנעס און יעלן, ווער ס׳גראַגערט?
...סוף אַפּריל אינעם גרינעם ווײַסרוסישן וואַלד
שטיי איך שטיל און איך האָרך און איך פּאָרש
און זיך וווּנדער,
אַך, אַ שטיפֿער דאָ ערגעץ פֿון מיר זיך באַהאַלט,
מיטאַמאָל, איך דערזע אים דעם מזיק און קונדס.
ס׳איז דער פּיקהאָלץ דער שיינער, ווי קונציק ער דרייט
מיט זײַן שנאָבל און רווישיקע קלאַנגען זיך טראָגן.

אָט אַזוי (איך דערמאָן זיך) האָב איך קליינערהייט
מיט מײַן גראַגער דעם ביטערן המן געשלאָגן...

* * *

אין יוני-סאָד
באַגינען
באַגריסן מיך
די בינען,
גוט-פֿרײַנטלעך
צו מיר זשומען:
— אַז וויל,
וואָס ביסט געקומען. —
די עפּל-ביימער
בליִען,
און בינען
פֿליִען, פֿליִען
צו קווייטן
דופּטיק-ווײַסע
און זשומען-זשומען
פֿלײַסיק,
אין בעכערלעך
אַנטרינען, —
אַ מזל אויף אײַך,
בינען.

* * *

ווען כ'קום אַרײַן אין טונקלען אָוונטיקן וואַלד
און איך דערפֿיל, ווי מאָדנע־שטיל
די הויכע סאָסנעס שטייען,
ניט ווילנדיק, דעם אָטעם מײַנעם איך פֿאַרהאַלט,
עס דוכט זיך מיר — זיי קוקן און פֿאַרשטייען
מײַן יעדן קער אין אויגנבליק אין דעם
און ווי אַ קינד פֿאַר זיי זיך איך פֿאַרשעם.

* * *

„קו־קו" — דײַטלעך־שטילע קלאַנגען צוויי,
אַזויפֿיל יִנגל־פֿרייד און טיפֿן ווײ
אין מײַן נשמה הײַנט דערוועקן,
מײַן עבר און מײַן צוקונפֿט כ'הער אין זיי.
קוקאַווקע, טרײַע, האַרציקע, פֿאַרשטיי,
וועסט מיך שוין ניט דערפֿרייען, ניט דערשרעקן —
אַלציינס, בין איך שוין אויסגעשפּראָכן אַלט,
נאָר ווי עס זאָל ניט זײַן מיר שווער,
ווערסט מיר אַלץ ליבער מער און מער,
קוקאַווקע, פֿון מײַן גרינעם סאָסנע־וואַלד.

* * *

אין וועלדל אויף דער סטעזשקע אויף דער העלער
אַ טונקל־סאַמעט פלאַטערל זיך וואַרעמט.
ווי נאָר די זון פאַרשווינדט הינטער דער כמאַרע,
הייבט גלײַך זיך אויף דאָס פלאַטערל, ווערט נעלם.
דער ווינט פאַרטרײַבט אַפּגיך די וואָלקן־קריעה,
ס׳איז אויפן שטעגל חיותדיק שוין ווידער.
און תיכף קומט די באַבעלע צופליִען
און אויפן זעלבן אָרט זיך זעצט אַנידער.

* * *

מ׳דאַרף דאָך קענען פון איין דעמבעלע צום צווייטן
אַט אַזעלכע שטאַרקע נעצן אויסצושפּרייטן.
קום איך צו באַגינען, ס׳איז אַ שרעק צו קוקן:
וואָס קרבנות — קליינע באַבעלעך און מוקן
ענגעגן ווי די שמאַטקעס אויף די שפּינוועבס־דראָטן.
ערגעץ דאָ באַהאַלט זיך אויס אַ שפּין אין שאָטן...
מיט מײַן שטעקן ווילט זיך מיר די „וואַנט" צעזעצן.
נאָר איך האַלט זיך אָפּ: דו, פּרוּװ אַזעלכע נעצן,
דאָ, אין וועלדל פון איין דעמבעלע צום צווייטן
אַזוי קונציק אין דער לופטן אויסצושפּרייטן...

1963 י. קאָראָלישטשעוויטשי

אָוונט־פײַערלעך

עס האַלט זיי גאָרנישט, גאָרנישט אײַן,
די פלאַטערלעך, וואָס פון שטאָק־חושך פליִען
דורך פענצטער אָפענעם צו לאָמפּן־שײַן,
פונקט ווי אין העלן טאָג אַרײַן,
און וויפל כ׳זאָל זיך ניט באַמיִען
פון לאָמפּ זיי אָפּצוטרײַבן,
עקשנותדיק זיי קלאַפּן זיך און רײַבן
אָן גליִיק־ברענענדיקן לאָמפּן־גלאָז,
צעשׂרפעט ווערן פליגעלעך, ווי גראָז...

* * *

אַ טראָפּעלע הייבסטו דעם קאָפּ אויף,
מיט קינדערשער שׂמחה דערזעסט:
אויף שפּיץ פון סטאָראָבינער טאָפּאָל
דאָס בושלען־פּאָרפּאָלק אין דער נעסט.
און גרויס איז די נעסט, ווי אַ סקירדע,
עס שטייען דער „ער" און די „זי"
בשלום מיט פויגלשער ווירדע:
— גוט־פרילינג, מיר זענען שוין הי. —
אין הימל־רוים זייערע קליידער
אין אויגן זיך וואַרפן: שוואַרץ, ווײַס.
אָט שוועבן זיי רויִקע ביידע
אין אויסשפּיר נאָך זעטיקער שפּײַז.

ס'איז נאָענט דער הימל דער פרייַער,
דאָס מאַרטיקע פעלד און דער באָר.
דעם שטעטל איז ליב און איז טייַער
דאָס מזלדיק־פויגלשע פּאָר.
אַ טראָפּעלע הייבסטו דעם קאָפּ אויף,
מיט קינדערשער שׂמחה דערזעסט:
אויף שפּיץ פון סטאָראָבינער טאָפּאָל
דאָס בושלען־פּאָרפאָלק אין דער נעסט.

ווײַסרוסלאַנד.

די וואָלקנדלעך...

די וואָלקנדלעך,
פון ערשטן אויגנבליק זיי זעען אויס,
ווי ווייַסע שעפעלעך,
נאָר מיט אַ רגע שפּעטער טוט אַ קוק,
איר וואָלט זיי ניט דערקאָנט:
ניט ליכטיק־העל —
צעוויכערט און צעשוימט;
איבער די רוקנס זייערע
סימנים ווייַזן זיך פון קנוילן טונקעלע,
מיט גרויזאַמקייט באַזוימט.
אָט ווערן זיי שוין בלוילעך, פינצטערלעך
און וואַקסן אומגעהויער־שנעל.
שוין גאָר קיין ווייַסע שעפעלעך,

נאָר שוואַרצע, שווערע כמאַרעס בלײַענע
מיט דראָענדיקע שאַרפע ווינקל־שפּיצן.
איין אויגנבליק, —
צעפּאַסעוועט דער הימל ווערט
מיט שלענגלדיקע בליצן,
די ערד פאַרטויבן גרוילנדיקע
דונער־קנאַלן,
ניט שטילע וואָלקנדלעך —
נאָר גרויסע פײַער־אַרסענאַלן...
אַ מאַסע דריקט מיר די נשמה שווער.
ביז מיטאַמאָל אַ דונער־קנאַל
מיט פּלאַם — טראַך־טאַראַ־ראַך
צעשיט זיך, דאַכט, איבער מײַן דאַך.
אין כּף־הקלע,
אַרויסגעזעצט האָט ווער
דעם גרויסן הימל־צאַפּן.
אַ גוסרעגן עמערווײַז נעמט קלאַפּן,
כליופּען,
ווי ס'וואָלטן נאָענט פערד־טאַבונעס
דורכגעטופּעט.
דער רעגן שווענקט די ערד און
שײַערט.
און כ'עטעם אָפּ שוין פרײַער.

טשערוועץ — יהומען.

אוי, מאַמעניר־זון...

די זון פון דער הייך טוט מיט ליבשאַפט
מיט מוטערשער פרעגן:
— מײַן טאָכטערקע־ערד, דו מײַן שיינהײַט,
מײַן שאַץ און פאַרמעגן,
צי ליכט איז גענוג דיר?
צי וואַרעם איך גוט דײַנע גלידער? —
בײַ מורעשקעם־מענטשעלעך ווי איז? —
נאָך אַלץ קידער־ווידער?
— אוי, מאַמעניו־זון, עס איז ליכטיק און וויל מיר
און וואַרעם,
בײַ מורעשקעם־מענטשעלעך האַלט נאָך דערווײַל
דער געליאַרעם.
מע אַמפּערט זיך אונטער
און איינער די אַנדערע דראָען
און שרײַען און פּילדערן
פּונקט ווי די נאַרישע קראָען.
וואָס וואָלט זיי געפעלט זיך אין שלום
צו פּרוכפּערן, מערן
און דיך, אונדזער מאַמעניו־זון,
דעם געמיט ניט באַשווערן.

1965 י.

בײַ דער אָזיערע נאַראָטש

1

יאָגט די אָזערע נאַראָטש אירע כוואַליעס פרײַ, געראַם
רוישט אָן אויפהער,
גלאַנצט און שפּיגלט זיך פאַר מײַנע אויגן,
בײַ דעם הימל־ראַנד ווערט רונדיק ווי אַ בויגן.
— נו, מיט וואָס, — מיר ווינקט זי, — בין איך
ניט קיין ים? —
און צום ברעג אַ פלי גיט יונג דער ווינט
איבער אַלע פינקלענדיקע כוואַליע־טרעפּלעך.
הודעט אין די אויערן, ווי אין מויער־קעפּלעך.
שרײַ איך:
נאַראָטש, כּשר האָסט דעם נאָמען ים פאַרדינט. —
שמייכלט זי: — דו, טוסט עס מיר צוליב,
ניט געזאָלצן כ׳בין
אַ קוש מײַן כוואַליע גיב. —
ניט געזאַלצן, זיס און קוואַליק־ריין
און פון ים דעם זיבעטן האָסט חן.

2

ניט אומזיסט האָט אײַך, טויבן,
דער אוראַלטער נח
געשיקט צו געפינען יבשה...

קריכט, טויבן, אין וואַסער, קריכט,
ס׳וועט אײַך גאָרנישט ניט שאַטן,
נישקשה.
אוי, קאַמישע טויבן.
איר זײַט אין מײַן פעטער גערעטן —
אין מיישלען — מײַן אַלטער אַקטיובינסקער פעטער.
ווי איר האָט ער מורא צום וואַסער אַ טראָט טאָן
אַפילו אין שטיל־שטילסטן וועטער.
איר שרעקט אײַך לעם ברעג פונעם נאַראָטש
די לאַפּקעס פאַרנעצן
און פליט גלײַך אַוועק.
אָט, זעט, ווי עס שוועבן די מעוועס,
אויף שוימיקע כוואַליעס זיך זעצן,
געוואַגט אינעם ברויזיקן וואַסער
די קעפּעלעך טוקן און טוקן.
מיט חיות אין האַרצן
אויף זיי טו איך קוקן.

די פּליעשטשעניצער ראַבינעס

די פּליעשטשעניצער ראַבינעס
איינס פון דער צווייטער פײַנער.
מיר דאַכט, זיי שעפּטשען שטילערהייט:
„אוי, קום, באַשערטער מײַנער!"
ניט סתּם זיי שטייען אויסגעפּוצט
אין האַרבסט־טאָג לויטער־העלן
און ווינקען מיט רויט־פלאַמיקע

ציגײַנערשע קאַרעלן.
עס קלאַפּט מײַן האַרץ, עס דאַכט זיך מיר,
אַז שוואַרצע אויגן גלאַנצן,
אַז אָט וועלן די ראַבינעס
אַוועקלאָזן זיך טאַנצן.
זיי שמייכלען אָבער צו דערבײַ:
„מיר האָבן שאַרפע ריטער...
און אָפּצונאַרן איז אונדז שווער,
מיר זײַנען זייער ביטער".
און שעפּטשען ווידער שטיל און היים:
„באַשערטער און געטרײַער"...
די פּליעשטשעניצער ראַבינעס,
זיי זײַנען פלאַם-און פײַער.

* * *

כ'האָב ליב די שטילקײַט אינעם וואַלד בײַם זון-פאַרגאַנג.
קוים-קוים זיך וויגן אום די הויכע ביימער-שטאַמען.
די זון אין סאָסנע-קרוין זיך מאַכט אַ נעסט פון פלאַמען.
עס רוט אין אָט דער שעה מײַן האַרץ און מײַן געדאַנק.
די פייגעלעך, מסתּם, די פּיסקלעך שליסן צו
(אַ שאָד, וואָס כ'ווייס ניט ווי מע רופט זיי בײַ די נעמען),
אַן איבעריקן צוויטשע טאָן אַצינד זיך שעמען.
ס'צעגיסט זיך איבער וואַלד די אָוונטיקע רו.
די וואַלד-בין איז נאָך אַלץ מיט זאַפט ניט זאַט,
פליט אום פון בלום צו בלום, נאָר טוט דערבײַ ניט זשומען.
אין קילן אָוונטדיקן זומער-וואַלד אין שטומען

איך עטעם, דוכט מיר, שטיל, ווי אויפן בוים די בלאַט.
אויף טונקלען גראָז מײַן שאָטן וואַקלט זיך און שפּרייט.
ווי אויף שפּיץ פינגער שפּרײַזט דאָ רונד־אַרום דאָס לעבן.
זיך זאַפּט די שטילקײַט אײַן אין מײַנע בלוט־געוועבן,
פּילט אָן מײַן האַרץ מיט שווײַגנדיקער העלער פרייד.

* * *

כ׳לערן זיך אין סעדל
בײַ דעם קעצל,
וויאַזוי אַליין זײַן
און ניט איינזאַם.
ס׳דרייט זיך, ס׳פרייד זיך
מיטן אייגן עקל.
הויבט עס אָן דערעסן,
נעמט עס מיט די לאַפּקעס וואַשן
ס׳נעזל,
די באַחנטע ווײַסע פלעקן.
פּלוצעם לויפט עס, שפּרינגט עס ראַשיק
צו דער ווערבע:
— ווער ביסטו? —
ווײל דעם אַלטן שטאַם דעם מעכטיקן
אַ שטופּ טאָן.
מיטאַמאָל אין גראָז אַ וואָרף זיך גיט,
יעדעם גרעזעלע אַ צופּ טאָן,
לעם די קלעווער־בלימלעך לויערט עס,
אַ בין צו כאַפּן,

מיט די נעגל-קישעלעך
זי אָנצוטאַפּן ;
שטיין אַ רגעלע דאָס קעצל בלײַבט פֿאַרגליווערט,
אָנגעשטרענגט די בלישטשענדיקע אויגן,
הענדום-פּענדום זיך אַוועקגעטראָגן
פֿײַל-פֿון-בויגן
ווידער צו דער ווערבעס אַלטן שטאַם,
מלא-חן און מלא-טעם...

* * *

כ׳האָב גראַדע ליב צו וואַרפֿן ווערטער אויפֿן ווינט.
ער טוט זיי מיר צוריק אין פּנים וואַרפֿן,
איך ראַנגל זיך מיט אים, דעם שטעכיק-שאַרפֿן,
כ׳פֿאַרכליניע זיך און שטאַמל, ווי אַ קינד
און הער ניט אויף צו וואַרפֿן ווערטער
אויפֿן ווינט.

* * *

דאָס גאָלד מיט שענסטן כּבוד
יעדערן כ׳פֿאַרגין,
נאָר פֿון דער גינגאָלדענער ים-כוואַליע
איך בין
פֿון סאַמע גינען אָן פֿאַרכּישופֿט און
געפּלעפֿט

אין יעדן פינקל פונדאָסנײַ כ׳געפין
אַלץ, אַלץ צו וואָס איך בין באַהעפט.

* * *

עס האָט אַזוי געווילדעוועט, געבושעוועט דער ים
דער באַלטישער,
אַוודאי צוויי מעת-לעת,
מיט שוים, מיט פינע-ווײַסן פלאַם
דעם ברעג געריבן און געשײַערט און פּאָלירט,
דעם זאַמד אַזוי פאַרשטײַפט,
אַזוי צונויפגעפרעסט,
אַז דורכן פײַכטן גלאַנץ
כ׳האָב מיטאַמאָל דערשפּירט —
ס׳איז שוין ניט זאַמד און ניט קיין זשוויר,
נאָר אײַנגעטייעט מענטשן-לײַב,
כאָטש קעכל עס
און צערטל עס
און קנײַפּ...

* * *

פאַר דעם ווי ס׳טוט די כוואַליע זיך
צום ברעג אַ לאָז,
זי שאַפט אַ וואַנט פון דיקן גרינעם גלאָז
און גלײַך זי וואַרפט פון זיך אַראָפּ דעם יאָך —

אַ שלײַדער גיט זיך אויפֿן ברעג, אַ בראָך,
אויף פּיצלעך זיך צעשפּליטערט און צעשטויבט
און ווידער, ווי אַ גרינע וואַנט זיך הויבט.

* * *

ס׳פּלייצט אין טיפֿן ים אַרײַן
דאָס זוניק באַרג-טײַכל דאָס לויטער.
דאָס לײַב און לעבן עס פּאַרטרויט אים
און טראַכט ניט, וואָס ס׳וועט נאָכדעם זײַן.
די כוואַליע זאַלציקע דערשלינגט
די קוואַליק-זיסע זילבער-טראָפּנס.
הייב צו דעם שפּיץ פֿון באַרג דײַן קאָפּ אויף,
הער ווי דער קוואַל פֿון דאָרטן קלינגט:
— כ׳וועל אייביק יאָגן צו דיר, ים,
און מיט דײַן כוואַליע זיך באַהעפֿטן,
מײַן טאַטע-באַרג האָט ווּנדער-קרעפֿטן
ניט ווייניקער פֿון דיר, מסתּם.

* * *

די בערג, וואָס מיט די שפּיצן שניצן זיך
אין בלויער הייך אין ריינער,
זיי זעען אויסעט פֿון דער ווײַטן גרינג,
ווי סטאַטועטקעס.
בײַם ברעג פֿון ים אַן אײַנגעמידטער

כ׳טרעט קוים.
די שווערקייט פון די בערג
אַריבער איז אין מײַנע ביינער...

* * *

דאָס פּוכיקע וואָלקן,
וואָס אָקאָרשט זיך האָט
אינעם בלוילעכן הימל געוויגט,
אויפן באַרג איצטער ליגט —
אַ געבונדענע שאָף
און ציטערט מיט אַלע פיר פיסלעך:
מײַן סוף...

אין רעכטן זומער

אין אַ שיינעם מיטן יולי אָוונט צײַט,
אויף די ביימער זענען נאָך די עפּל קליין און גרין,
די קאַרטאָפל-קוסטעס וואַקסן הויך, געדיכט,
איבער קליעווער-בלימלעך האָוועט אום די בין...
נאָר דער הימל מיטאַמאָל זיך בײַט,
ס׳שוועבט אַ וואָלקן מיט אַ טורעם, ווי אַ שלאָס...
ס׳טוט אַ בלאָז אַ ווינטל אומגעריכט,
ס׳לויפט אַ ציטער דורך איבערן גראָז,
אינדערלופטן פליט אַ בלעזל פוך

און כ׳דערפֿיל פֿון אָסיען דעם גערוך,
פֿון אַ פֿוילן וויאַניענדיקן בלאַט;
אויף אַראָפּ זיך נויגט פֿון טאָג די וואָג...
זאָל עס זײַן דער ערשטער אָסיען־טאָג
נאָך אין רעכטן זומער
אַקוראַט?..

ניט קוק, ניט טשעפּע מיך...

דעם עפּל־ביימעלע
דאָס יאָר דאָס דריטע גייט,
דאָס ערשטע מאָל אויף זײַנע צווײַגן
רײַפֿט די פֿרוכט...
זײַן דינער שטאַם, מיר דוכט,
אין פֿויסט בײַ מיר אַ ציטער גיט,
גלײַך ווי אַרומנעמען איך וואָלט אַצינד
דײַן האַנט...
אין יוני־סאָד מיט ליבשאַפֿט
שטייען מיר לעם אים באַנאַנד
און, מאָדנע, ווי עס רעגן מיך
די פּיצלעך־עפּעלעך,
פּונקט ווי דאָס יונגע ביימל
וואָלט געשעפּטשעט שעמעוודיק:
— ניט קוק,
ניט טשעפּע מיך...

* * *

דעם זומער אויסגעוועזן בין איך אַ וועלט
און בילד נאָך בילד מײַן בליק האָט אײַנגעזאַפּט.
אַהיים זיך אומגעקערט און ס׳טיאָכקעט, ס׳קלאַפּט
אַזוי דאָס האַרץ, זיך גאַרניט פאָרגעשטעלט,
אַז כ׳זאָל פאַרגעסן אַלצדינג מיט אַנאַנד...
כאָטש פאָר צוריק, באַדענק אַלץ פונדאָסנײַ,
נאָר כ׳קום אין אָסיען־וואַלד אַרײַן געטרײַ,
ווו יעדער שטעג איז ליב מיר און באַקאַנט.
פאַרטשעפּעט כ׳זע אַ בלעטעלע זיך האָט
אויף הענגענדיקן דינעם שפּינוועבס־דראָט.
אַ ווינטל דרייט דאָס בלעטעלע און דרייט,
אַזש מיר אַליין פאַרשווינדלט זיך אין קאָפּ.
און אַ געשריי טאָן וויל איך: ווינט, לאָז אָפּ!
— — — — — — — — — — — — — — —
ס׳האָט אַלץ פאַרשטעלט מײַן טריבע אָסיען־פרייד.

בײַ העלער לאַמפּן־שײַן

בײַ העלער לאַמפּן־שײַן בײַנאַכט,
אין אָנהויב פון נאָוועמבער,
זעט אויס דער קאַשטאַן־בוים
פון גאָלד געגאָסן.
און ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן,
אַז מיט אַ פּאָר יאָרהונדערט שפּעטער,

װעט גאָלדיקער געבלעטער
פֿון קאַשטאַן־בױם
זײַן שענער פֿיל און מער זײַן װערט
פֿון גאָלד אַלײן... ס'איז קײַלעכדיק די ערד...
און װילסטו לידער גאָלדענע? —
די קאַשטאַן־בלעטער
צעלײגן אין שורות און אין סטראָפֿן...
און װילסט זיך לײגן שלאָפֿן
אונטער קאַשטאַן־בױם? —
איז שטופּ אַ פֿולן ציכל אָן
מיט בלעטער גאָלדיקע.
עך, אַ װײכן גאָלדן־קישעלע צו קאָפּן!
און װילסט דערצו אַ זיסן חלום זען? —
טאָ גיס אין לאָמפּ אַרײַן
אַ ביטערן מחיותדיקן טראָפּן...
אָ, לעבן זאָל דער קאַשטאַן־בױם
דער גאָלדיקער בײַנאַכט
בײַ העלער לאָמפּן־שײַן...

יאַלטע.

* * *

אין שורשענדיקן אָסיען־װאַלד,
װען בױמער שטײען,
װי אַנטהױלטע געטער,
און כ'טרעט איבער די װיאַיענדיקע בלעטער,
נעמט שלאָגן אין מײַן האַרץ

אַ בענקשאַפט־קוואַל:
צי וועל איך ווידער זען די פרייד,
ווי ס׳וועט די יונגע וועסנע
אויף אירע אַקסלען מעסטן
איר נײַע גרינע קלייד?..

* * *

אין אָוונט ט׳מיך דער פראָסט
אין וואַלד געסטראַשעט:
— דעצעמבער כ׳בין,
אָט כ׳ל׳דיר אָנרײַבן אַן אויער, —
און אַרום מיר מיט שאַרפן ווינט,
מיט שניי מיט שטעכיקן צעראַשט זיך,
אַרויסבאַוויזן זײַן נאַטור און כּוח...
נאָר אינדערפרי,
געוועזן נאָך פינצטער איז,
דערהער איך פלוצעם — ס׳קאַפּעט
אַ רעגנדל אינדרויסן...
...איך קום פון הויז אין וואַלד אַרײַן,
דער שניי צעדרויבלט און צעדראַפּעט,
מיט לעכלעך אויסגערעדלט, ווי אַ מצה.
און ווי אונטער אַ סטרעכע אַ נאַסע הון
דער וואַלד איז.
צעלאַך איך זיך:
אוי, פראָסט, דו גרויסהאַלטער,
אַוועק אין כּף־הקלע
דײַן גאַנצע פּראַצע.

* * *

בײַנאַכט אַ צי זיך גיט מײַן שאָטן איבער שניי.
כ׳זע אויסעט, ווי אַ הויכער קסיאָנדז אַ שטרענגער.
און ווײַט פֿון שײַן אין טונקעלער אַליי
פֿון עוג מלך הבשן ווער איך לענגער.
און וואָלט מײַן שאָטן זיך אַנידערשטעלן,
קוים ביזן אַקסל וואָלטן אים דערגרייכט
די העכסטע סאָסנעס, יעלן.
נאָר אָט צוריק כ׳דערנענטער זיך צום לאָמפּן־שײַן,
אַ ליליפּוטל כ׳ווער,
אַ ניסעלע מיט פּיסעלעך מיט קרומע,
מען קאָן ניט וויסן, ס׳קאָן דאָך גרײַלעך זײַן —
געווען איז אויף דער וועלט אַזאַ מין אומה...
פֿאַרשאָטן איז דער וואַלד מיט שניי־בורשטין,
גיי פֿראַנק־און פֿרײַ,
עס הענגט קיין שלאָס ניט און קיין שטײַגל.
און יעדער פֿאַרפֿראָשעט סאָסנע־צווײַגל
אַ וועוריק מיר דערמאָנט.
פֿאַרליבט אויפֿסנײַ איך בין,
און ווידער, אוי, אַ חרפּה, האָפּונגסלאָז...
פּונקט ווי דער וואַלד איך האַלט ניט פֿון קיין שלאָס,
נאָר אין מײַן אָפּן האַרץ גיט קיינער ניט אַ בליק אַפֿילו,
עס בלאָזט דער ווינט אַהין די שנייעלעך די שטילע...

* * *

לעם די גאַליצינער ביעריאָזעס שטיי איך און
באַטראַכט אַלץ
די ווינטער־זון ;
פון הינטער גרויע וואָלקן־פּלאַכטעס
זי שלאָגט זיך דורך — אַ צעפּלאָסענער אַ העלער פלעק...
אַזאַ זי ריסעווען איך פלעג
אין העפט פון מײַנע קינדערשע געמעלן.
געקרישלט כ׳האָב דעם בלײַפעדער דעם געלן,
מיט גאַנצן כּוח געדריקט, געשטריכן
און געריבן
און פון מײַן זון געצויגן שפּיזן־שטראַלן,
עס זאָל פון איר אַ טראָפּן שײַן כאָטש פאַלן.
אַלציינס איז זי צעשוווּמען, בלייך געבליבן
(צעלעכערט האָב איך מערניט דאָס פּאַפּיר)
און אויסגעזען עס האָט, ווי איצט, די ווינטער־זון,
פון הינטער גרויע וואָלקן־פּלאַכטעס...
לעם די גאַליצינער ביעריאָזעס כ׳שטיי און
טראַכט זיך...

— — — — — — — — — — — — — —

...ווי ווײַט די ביידע זונען זײַנען שוין פון מיר...

* * *

אַ שניי אַ וואַרעמער דורך נאַכט האָט אָנגעשאָטן.
פון חידוש, פיל איך, ווערן מײַנע אויגן גרויס,
פון פרישקײַט זויבערער ווערט לײַכט מײַן אָטעם,
אין זינען שטויסן איינס די אַנדערע אַרויס
די לידער נאָך ניט אָנגעשריבענע,
אַרומגעכאַפּט האָט מײַן נשמה אַ פאַרליבעניש.
ס'איז דען פעוראַל? — מיט וועסנע שמעקט אויף טריט
און שריט
די בלויערלעך שוין מאַי־לידעלעך זינגען,
די יעלן די גאַליצינער אין ווײַסן קאַרשן־צוויט.
כ'וואָלט ווי דאָס הינטל זיך געטוקט אין שניי,
אים שלינגען,
מיט שניי־קוילן זיך וואַרפן מיט קונדייסים־שילער.
דאָס בחורל מיט קרויזן־קוטשערלעך אין האַרצן זיך
ביי מיר צעקוועלט —
ס'האָט פאַרן פעטער־שנייער וועסנע זיך פאַרשטעלט
און איך בין גרייט צו זײַן איר פורים־שפּילער.

גאַליצינע, הינטער מאָסקווע. יאַנואַר 1974

* * *

זאָג, ווענען ס'טו נאָכגיין, מײַן שאָטן, —
מײַן שטענדיקער פרײַנד און באַגלייטער,
ווען מיט דער ערד וועל איך ליגן פאַרשאָטן —

אַ טויטער?

דו פֿלעגסט דאָך די טריט מײַנע קושן,
פֿאַרוים, ווי אַ הינטל זיך טראָגן.
דו האָסט דאָך פֿאַרלוירן דײַן בושה,
אַזוי ליב האָסט מיך, שאָטן, געקראָגן.
די זון פֿלעגט מיך גליִען און בראָטן,
קיין אָטעם, קיין לופֿט פֿלעגט ניט סטײַען,
נאָר דו פֿלעגסט מיר נאָכגיין, מײַן שאָטן,
זיך בייגן, זיך קאָרטשען אינדרײַען
און שווײַגן אַזוי ווי אַ שלײַען.
ס'פֿלעגט טרעפֿן אין האַרבסטיקן רעגן,
כ'פֿלעג אויף עמעצן שעהנווײַז וואַרטן,
ביסטו אויף דער ערד אויף דער נאַסער געלעגן
מיט דײַן גופֿל דעם לאַנגן, צעדאַרטן.
ביסט אויף ווענט אויף די גלײַכע געקראָכן,
אין לוזשעס פֿאַליושקען זיך, טאַנצן.
און אַזוי־אָ מעת־לעתן און וואָכן,
און אַזוי־אָ אַ לעבן אַ גאַנצן.
טאָ ווען ס'טו נאָכגיין, מײַן שאָטן, —
מײַן שטענדיקער פֿרײַנד און באַגלייטער,
ווען מיט ערד וועל איך ליגן פֿאַרשאָטן
אַ טויטער?..

מינסק, 1938 י.

די מעווע־געשרייען...

א

מײַן גוטע טויב — דו ביסט מײַן ליבע מאַכט,
און נאָר פֿאַר דיר כ׳וועל נויגן זיך און בוקן,
אין דײַנע גרויסע בלויע אויגן קוקן,
ביז זאָגן וועסטו מיר: אַ גוטע נאַכט —
דאַן וועל איך שטיל אַוועק און פֿון באַגינען
אויפֿסנײַ דיר טרײַ און ערלעך דינען.

ב

איך פֿיל, ווילסט אַלץ מיר אויסדערציילן,
מיט אָנגעוויטיקטן זיך טײלן,
טאָ נעם דײַן פּעקל און צעבינד
און דײַן פּאַרדראָס און ווײ־און ווינד
אין פּאַק אין מײַנעם כ׳שיט אַריבער
— און מיין ניט, אַז איך בין אַ גיבור
דײַן בליק מיר מײַן נשמה גלעט
און ס׳ציט דײַן עול, ווי אַ מאַגנעט.

ג

דער עיקר איז דען אין דעם אויסטרינקען דעם ווײַן? —
די עצם שיינקײַט איז וואָס זאַלבעצווייט
די פֿלאַש מיר האָבן אָנגעהויבן.

נאָך מערער וואַקסן נעמט אין מיר מײַן פרייד
פון גלויבן
אין דערײַן,
אַז ווען עס וועט דער גוטער רויטער ווײַן
אין אונדזערע גלעזער זיך צעשײַנען
און כ׳וועל פאַר דיר פון גאַנצן האַרצן טענהן,
זאָלסטו, מײַן ליבסטע, מיט מיר מסכּים זײַן.

ד

ס׳נאָגט זיס אונטערן לעפּעלע
און עפּעס זאָגן דיר אַזוינס איך וויל,
נאָר צי ניט אויסזען וועט עס ווילד־משונה.
געהיים איך טראָג אַרום זיך מיט אַ ציל
צו אָנרירן דײַן סאַמע דינסטע סטרונע,
אַזוי ווי פרילינג פונעם אומגעריכטן בליץ און דונער,
אַ צאַפּל טאָן דײַן האַרץ
פון שרעק זאָל און פון פרייד,
האָב איך זיך אָבער אַלץ אויף דעם
נאָך ניט אַנטשיידט...

ה

דער יוני־טאָג — אַ מוראַדיקער באַרג!
דו שטײַגסט מיט מיר,

נאָך וויַיט צום העכסטן שטאַפּל.
וואָס מער די צײַט מיט זשעדנעקיַיט איך קאַרג,
אַלץ לענגער גיי איך אום מיט דיר און פּלאַפּל.
ס׳הייבט די קוקאַוקע אָן איר אָוונט־ליד,
די שקיעה צווישן סאָסנע־בוימער גליט
און ס׳לויכט איר רויטע שײַן אין דײַן שוואַרצאַפּל.

ו

דו פרעגסט מיך, וואָס אַצינד מיך פרייד? —
דײַן נײַע זומערדיקע קלייד. —
דו טוסט אַ שמייכל: — „דאָס איז גאָר?" —
די זון, וואָס האָט באַהעלט דעם באָר,
די פלאַטערלעך, די שטילע בין
און די בעריאָזעם — שלאַנק און דין
און וואָס מיר שפּאַנען דאָ באַצווייט
מיט דיר אין וואַלד, פאַרשאַפט מיר פרייד. —
דו בויגסט זיך אָן און רײַסט אַרויס
אַ שטעכיקע, אַ ווילדע רויז
און אינעם לאַץ פון מײַן פּידזשאַק
שטעקסט זי אַרײַן און לאַכסט געשמאַק.

ז

דהײַנו,
איך וואָלט אַצינד צעקושט

די מענטשעלעך,
וואָס בלישטשען ממזריש
אין די שוואַרצאַפּלען דײַנע.
נאָר זיי דערפילן עס און רופן
באַלד צוהילף
די שטרענגע אָנגעכמורעטע
צוויי ברעמען־וועכטער
און איך
און דו
צוזאַמען מיט די מענטשעלעך —
גוטמוטיק שיסן אויסעט
אַ געלעכטער.

ח

די בלויע אויערינגלעך כ׳בין מקנא —
איין גוף און איין נשמה זײַנען זיי
מיט דײַנע קליינע קלוגע אויערן.
און ווען דו וואָלסט געוווּסט,
דו האָסט קיין אָנונג
פון מײַן פאַרלאַנג דעם אומגעהויערן,
אַ גלעט צו טאָן די בלויע שפּילקע
אויף דײַן ברוסט.
און ווײַל מיר קלעקט קיין דרייסטקײַט ניט
אַ קוק טאָן גלײַך דיר אין די בלויע אויגן,
דעם קאָפּ כ׳האַלט עטוואָס אָנגעבויגן,
כּדי אויף האַנט דײַנער צו זען,

ווי ס׳שפּיגלט אָפּ זיך זייער בלויער חן
אין רינג
און זײַן אַרײַנגעפּאַסטן
בלויען שטיין...

ט

עס רייצן און רעגן די מעווע-געשרייען
בײַם ים.
און ס׳ווערן פאַר מיר דײַנע הענט דײַנע הייסע
אוים צאַם...
דו ווערסט זיך און שעפּטשעסט:
— אַ מענטש זײַ,
דו זעסט דאָך,
אין ים וועט די זון
אין אַ ווײַלע אַרום שוין פאַרגיין
און מיר וועלן בלײַבן מיט דיר דאָ
אין צווייען, אַליין...
כ׳פאַרשטיי, — זאָג איך שטיל,
נאָר די מעווע-געשרייען...

י

דרײַ גערוישן

איך טראָג אין רעכטער האַנט אַ קויש
מיט ברויזנדיקן ים-גערויש.

און אין דער לינקער כ׳האַלט אַ קויש
מיט חיותדיקן וואַלד־גערויש.
נאָרביידע קוישן תיכּף כ׳טויש —
אויף הערן בלויז דאָס שטיל גערויש
פון דײַנע טריט איבערן זשוויר
בײַם ים, ווו כ׳אײַל אַנטקעגן דיר...

יא

איך לעב און שאַף
אין פרילינג־וואַלד.
אָט ווײַזט אין שויב זיך
דײַן געשטאַלט.
מיט הימלעכקײַט
דו טראָגסט אַרײַן
אין צימערל צו מיר
ניט ווײַן, —
אַ פולן, ווי אַן אויג
גראַפין
בערעזע־זאַפט,
ריין, ווי בורשטין.
איך טרינק,
פּאַמעלעך —
שלונג נאָך שלונג.
און יעדער טראָפּן
מאַכט מיך יונג.
מיט יעדן טראָפּן

קומט צו קראַפֿט.
אַ דאַנק פֿאַר דעם
בערעזע־זאַפֿט!

יב

ווען פֿאַרמאָגט וואָלט איך, מײַן ליבסטע,
שמשונס וווּנדער־גבֿורה,
כ׳וואָלט די וועלט אַרײַנגענומען
אין מײַן ערשטער שורה.
וואָלט זי, ווי אַ טראָפּן ראָסע
אויף דעם בלאַט באַגינען,
לויכטן, ווי אַ רעגנבויגן
און דײַן חן געווינען.

יג

ניט אַנדערש, ווי דו ווילסט זיך מיט מיר רייצן.
איך וועל דיך כאַפּן, ווי אַ גאַרב מעלייצען.
איך קריך דורך קוסטעס און געדיכטע צווײַגן
און שרײַ „אַ־או״... אַנטרינסט פֿון מײַנע אויגן.
איך האָב מײַן ברעם צעראַצט, מײַן עלנבויגן,
איך דריי מיך אום צוריק, דו קוקסט אויף מיר מיט נײַגער
פֿון דײַן באַהעלטעניש (מײַן האַרץ נעמט קלאַפּן)
און לאַכסט פֿון מיר מיט שדימלעך אין בליק:
— וועסט מיך ניט כאַפּן...

יד

פאַר דיר מײַן האַרץ
איז קיינמאָל אונטער זיגל.
פאַר דיר מײַן האַרץ
איז פרײַ פון שלאָס און ריגל.
און אָפן מײַנע טיש-קעסטלעך,
קאָמאָדן.
און קומען וואָלסטו
אָנטאָן מיר אַ שאָדן,
אַ קעלישעק צעברעכן
צי אַ טעלער,
וואָלט מײַן געמיט
דערפון נאָך ווערן העלער.

טו

אין גאָלדיקן געבלעטער האַרבסטיקן
מחשבות קומען אויף בײַ מיר צעבראָויזטע.
קוים נאָר כ'באַמערק די מעכטיקע און רונדע
צווײַגן-אָרעמס פונעם קאַשטאַן-בוים,
דערזע איך באַלד אין טרוים
די שײַנענדיקע אַקסלען דײַנע די אַנטבלויזטע,
די וואַרעמקײַט פון דײַנע הענט כ'דערפיל
און צערטל זיי און גלעט זיי, ווי איך וויל.
דאָס פײַערדיקע בלעטער-גאָלד

ביז סאַמע קרוין פון קאַשטאַן־בוים
צעקושן כ׳וואָלט.

טז

מײַנע העלע יונגע זומערם
זײַנען שוין פון לאַנג
פאַרשנייט געוואָרן
און פאַרווייט...
נאָר ווי פריש אין דמיון זע איך
דײַן ציטן־קליידל
מיט די ווײַסע אַרבעסלעך.
זאַכן זאָלן אויסשטראַלן פון זיך
אַזויפיל פרייד.

יז

מײַנע טריט אויף די שטיינדלעך בײַם ימיקן ברעג,
מיר דערמאָנען, ווי פערד בײַדערנאַכט כראָמשקען האָבער.
מיט עקשנות און מי יעדן טראָט איך דעראָבער,
אָבער דו דרייסט זיך אוים און פאָרוים לויפסט אַוועק...
כ׳שרײַ דיר נאָך פונדערווײַטן. דער רוישיקער ים,
ער פאַרטויבט מײַנע דורשטיקע גלײַקע ווערטער.
כ׳קוק מיט בענקשאַפט... פאַרשווינדסט...
איך בין ניט דײַן באַשערטער...
מײַנע טריט „כראָמשקען האָבער"

און אין האַרצן ביַי מיר,
אין מיַין יעטוועדן קעמערל,
קלאַפּט מיַין ליבשאַפט
מיט הונדערטער טויזנטער העמערלעך...

יח

דאָס גלי־פּיַיערל

דאָס בריהלע הייסט גלי־פּיַיערל
און פינקלט פון גראָז, ווי אַ שטערן:
„אוי, קום צו מיר, קום צו מיר, טיַיערער
אין פליגעלעך־אָרעמס געהערן...״
איך זיץ לעם מיַין פענצטער אין פינצטערניש,
פאַרגאַפט כ׳הער נישט אויפעט צו קוקן,
ווי דאָס בריהלע ליכטיקער בלינצלט אַליין,
וויל זיַין ליבסטע מיט פיַיער פאַרצוקן...
ווען איך וואָלט געקאָנט אַזוי אויסשטראַלן
ביַינאַכט פון מיַין האַרצן דעם זשאַר,
וואָלסטו שוין ביַיטאָג אין די פויסטן
ניט אויסלאַכן מיך, דעם נאַר.

יט

צעעפנט אומגעריכט האָט זיך מיַין טיר.
דער ווינט האָט פון מיַין טיש די בויגנדלעך אַראָפּגעבלאָזן.

כ׳האָב ניט געוווּסט, וואָס טוט מען פרי׳ר,
צי נאָך די בויגנדלעך פּאַפּיר זיך לאָזן,
צי כ׳זאָל דעם פענצטער צומאַכן
און נאָכדעם שוין די טיר? —
נאָר כ׳האָב זיך ניט געטאָן פון אָרט קיין ריר,
ווײַל דורכגעבליצט דער ערשטער האָט געדאַנק,
אַז דו ביסט עס אַרײַן,
איז טוט מיר באַנק,
ניט דו, דער ווינט האָט עס מײַן טיר צעפּראַלט
און ס׳ווערט מיר עפּעס אומעטיק און קאַלט...

כ

דער אונטערשייד פון דײַנע רייד
און דײַנע אויגן — אומגעהויער!
אַלץ, וואָס דײַן מײַלכל ברענגט אַרויס,
גיט מיר דײַן בליק אַ בליץ —
קאַפּויער...

כא

דו וועסט מיך פאַרשטיין —
אַריבערצוטרעטן אַ שוועל,
איז שווערער אַמאָל,
ווי אין פײַער צו גיין.
גלויב,

איך וואָלט, ווי אַ שוימיקע וועל
אַ קײַקל געטאָן זיך צו דיר
דורך דער שויב.

כב

דו פרעגסט מיך גאָרנישט,
בלויז איבער צימער טוסטו שטיל אַ שפּרײַז,
נאָר כ׳לייען אין די אויגן דײַנע שוואַרץ אויף ווײַס —
„צי ווילסט ניט איבערקלערן?..״ —
פאַרלעגנהײַט נעמט דײַן געמיט באַשווערן
און כ׳ענטפער תּיכף דיר מיט ווערטער:
ניין,
איך האָב דאָך שוין געמאַכט מײַן גאַנג
און פײַנט כ׳האָב איבערגיין,
נאָר, סײַדן, דו אַליין האָסט אַ פאַרלאַנג
צו איבערטראַכטן,
איז זײַ מיר מוחל, זאָג,
עס זאָל זיך מיר ניט דאַכטן...

כג

עפּעס ענלעכעס
געהערט כ׳האָב זאָגן —
פאַר אַ ליבע
דאַרף מען שטאַרק זיך שלאָגן.

ס׳הייסט, נישט ממיתן זיך
מכּות-רצח —
אין דעם ברייטן זין פון וואָרט
דאָס רעדט זיך.
אין דער סאַמע רעגן-נעץ
דער גרויער
לאַנגע שעהן
וואַרטן ביַי איר טויער.
פאַרקאַלייעט
ציטערן פון קרירה,
קוקן אויף די פענצטער
פון איר דירה.
אפשר וועט זי טאָן
אַ וויש די שויבן,
דיך באַמערקן,
זיך אַליין נישט גלויבן...
אויף די פעלדער
בייזע ווינטן וויען,
זוכסטו אונטער שניי
אַ קווייט אַ בלויע,
„ניט-פאַרגעס מיך"-בלימלעך
ברענגסט צוטראָגן...
אוי, דאַרף מען זיך פאַר אַ ליבע
שלאָגן.
שלאָגן זיך באַטיַיט —
דורך פיַין און פּלאָגן
אויסגיין ממש,
אויף די הענט זי טראָגן.

דאַן וועט זי צעפלאַמט
צו דיר זיך טוליען —
מעגן טויזנט זאַווערוכעס
הוליען.

כד

זאָל רעגענען און רעגענען, —
געחזרט כ׳האָב אין זינען, —
מיר זאָלן זיך געזעגענען
נישט קענען ביז באַגינען.
אַ גאַנצע נאַכט ניט אויפגעהערט האָט
ווי פון עמערס גיסן.
פון דעמאָלט אָן צוויי יאָדערלעך
מיר זײַנען פון איין ניסל...

כה

פריִע פייגעלעך

מיטן שלאָף
איז לײַכט זיך אונדז צעשיידן.
פריִע פייגעלעך —
אַזוי רופט מען אונדז ביידן.
ווי נאָר אין די שויבן
הייבט אָן גינען,

זײַנען מיר מיט דיר —
צוויי טרײַע בינען.
אויף די ציפּקעס —
שכנים ניט צו וועקן;
ס'וועט אונדז, — זאָג איך, —
צײַט אויף אַלצדינג קלעקן.
ראַניצע,
וועט קײנער אונדז ניט שטערן
אָן אַ ספּעשקע
בערג איבערצוקערן.
שמייכלסטו:
אַ נס, ביסט ניט קיין פּעפּער.
ווײַל די פּעפּער
זײַנען קנאַפּע שעפּער...
ענטפער איך:
איך בין אין דיר געראָטן —
„פּריִע פּייגעלעך",
ווי גאָט האָט אונדז געבאָטן...

כו

אַ דאַנק דיר, הייסער זומער
הײַיאָרדיקער,
מיט זונען־גלי
האָב איך זיך אָנגעזאַפּט,
פּונקט ווי דער ווײַנטרויב־בלאַט
דער פֿײַערדיקער,

און כ'האָב ביַי קיינעם
גאָרנישט אויסגעכאַפּט.
ביַים ים זיך אויסגעשפּרייט
אויף זשוויר און שטיינדלעך,
נאָר ווייך און ליב איז מיר
געווען מיַין פּלאַץ.
געשריבן בריוו
מיַין ווילער שיינע־שיינדלען:
— איך וואַרעם אויף דער זון זיך,
ווי אַ קאַץ. —
אַהיים זיך אומגעקערט
מיט טריט מיט הילכיקע:
זעט, ווי פאַרברוינט,
ווי שטיַיף עס איז מיַין ליַיב.
און נעם אַרום און קוש
אַ דאָרשטיק־גליקלעכער
מיַין הויזגעזינד —
די קינדער און דאָס וויַיב.
אַ דאַנק דיר, הייסער זומער,
היַיאָרדיקער,
מיט זונען־גלי
האָב איך זיך אָנגעזאַפּט,
פּונקט ווי דער וויַינטרויב־בלאַט
דער פיַיערדיקער,
און כ'האָב ביַי קיינעם
גאָרנישט אויסגעכאַפּט.

כז

כ'האָב ניט געזען דיך אַ חדשים צוויי.
מיט גליִענדיקע קושן דיך כ'באַהאָגל.
ס'איז זים דיַין מויל, ס'פּאַרדריסט, ס'טוט וויי
פאַר יעדער מינדסטער רגע פון מיַין וואָגל.
ס'פּאַרגעסט מיַין זינען, אַז דערפאַר איז גראָד
מיר ליב אַצינד דיַין יעדער קער און טראָט.

כח

רייזעלע,
תמיד, ווען איך באַגעגן דיך,
כאַפּט זיך ביַי מיר אַרויס פון מויל —
„ווי שיין איז רייזעלע דעם רבינס",
כאָטש דיַין טאַטע,
הירשל דעם קירזשנער,
געדענק איך זייער וויל,
האָט זיך אָפּגעמוטשעט אַ לעבן
און דאָך איז זיַין ריַיכקיַיט
געווען ניט קליין —
דיר איבערגעלאָזט בירושה
אַ פּוד מיט חן.

כט

פאַרענדיקסט
מיט דײַן שטענדיקן
„אָט אַזוי איז עס".
ווייס איך דאָך — ס'איז גראַדע ניט אַזוי:
זיך אויסגעטריקנט האָט דער מאָרגן־טוי,
די דימענט־פּערעלעך,
וואָס האָבן פונעם פײַכטן גראָז
מיט אַלע פאַרבן פון דעם רעגן־בויגן
צו זיך געצויגן,
שוין אויסגעלאָשן זענען,
אַזוי ווי די גליִענדיקע פײַערלעך
אין דײַנע אויגן...

ל

די באַנק...

עס ציט אונדז ביידן צו איין באַנק,
נאָר איין־אַליין וויל יעדער זיצן.
כ'האָב ליב צו קוקן שעהן־לאַנג
אויף הויכע קיפּאַריסן־שפּיצן.
און איר, איך ווייס ניט, וואָס געפעלט,
מחשבות שלענגלען זיך, ווי שטעגן.
ס'איז ריין די לופט, דער הימל העלט

און איינס דעם אַנדערן אַנטקעגן
צו אונדזער באַנק מיר גייען שטיל...
פאַרקערעווען צוריק איך וויל,
נאָר זי איז פריי׳ר פון מיר אַנטרונען.
און, מאָדנע, כ׳האָב זיך ניט פאַרגונען
צו זעצן אויפן באַנק אַליין.
צעטומלט כ׳בין געבליבן שטיין...

לא

מיט שנעלע טריט...

(נאָוועלע)

אַז כ׳האָב באַמערקט,
גייסט אויך, ווי איך אַרומעט איינזאַם
אויף דיַין שטעג — אַ ליד
אַן אויסגעחזרטע און אויסגעאיבטע,
אַ לאָז געטאָן זיך פלוצלונג כ׳האָב
מיט שנעלע טריט
צו דיר און אויסגערופן היים:
געליבטע!..
האַרט נעבן דיר בין איך געבליבן שטיין.
באַטראַכט מיך האָבן אויגן דורשטיקע און ווילע.
כ׳דערהער פון צווישן קליינע וויַסע ציין:
— צעקוש מיך, נאָר ניט קוילע...

לב

איך מוסר דיך
און מינטער דיך
און טרייסט:
אַז ניט דו עסט
און ניט דו שלאָפסט
און ווי אַן אייערנעכטיקע דו גייסט.
נאָך איידער וואָס און ווען,
דו פּײַניקסט זיך און שטראָפסט.
וואָס דאַרפסטו דווקא אויסלייגן אויף שלעכטס?
דו זײַ ניט איבער זיך אַ גזלן
און רוצח
און איידער וואָס און ווען
ניט בויער און ניט עגבער זיך דעם מוח,
אַלץ מיט אַנאַנדער
זיך אַ דריי טאָן אַנדערש קען. —
הייבסטו אויף מיר אַ שטאַרן טריבן בליק:
„ביסט אפשר יאָ גערעכט,
נאָר טו אַ נעם דאָס אייגענע צוריק —
כ׳האָב ליידער,
ניט קיין צוטרוי צו דעם
„איידער"
און דער „וואָס-און ווען".
זאָגט מיר דאָס האַרץ,
קען יאָ געשען..."

— — — — — — —

איך שווייַג און טראַכט,
אַז איבערשפּאַרן דיך
ווער קאָן עס —
אוי, ניט פאַרשטאַנען כ'האָב
דייַן גרויליקע עקשנות...

דעצעמבער, 1971 י.

אַ שטרוי פון וואָגן...

יאָרן, יאָרן מײַנע

יאָרן, יאָרן מײַנע, —
געשטרייפטע רייפן,
איך קײַקל זיי,
און זיי לויפן.
ניט צו פֿאַרלאַנגזאַמען,
ניט אָפּצושטעלן,
נאָר קײַקלען זיך
איז זיי געפֿעלן.
באַגעגענען מענטשן מיך,
שטעלן אָפּעט:
— וווּהין, וווּהין
אַזוי פֿאַרסאָפּעט? —
גיב איך מיט דער האַנט אַ מאַך:
— איך האָב קיין צײַט ניט
— עי, חבר׳ל,
נאָך אַלץ קיין לײַט ניט. —
וואָס-זשע ענטפֿערן
ווי דערקלערן?
אַ שוויים באַשלאָגט
מײַן הייסן שטערן.
שטאַמל איך: יאָרן מײַנע, —
ווי די רייפן
קײַקלען זיך
און אַנטלויפן.
— רייפּעלעך — שמייפּעלעך

ווער שוין עלטער.
ביסט אַלץ נאָך חבר'ל,
ניט קיין געשטעלטער.
צעקאַם די קאָפּ דײַנע
די קודלאַטע,
דו ווערסט שוין, דאַכט זיך, באַלד
גאָר אַ טאַטע. —
שים איך אויסעט
אַ געלעכטער —
כ'וועל אַ טאַטע זײַן
ניט קיין שלעכטער.
און כ'ענטפער ניט
און לאָז זיך ווײַטער, —
אַזאַ פריילעכער
און פאַרשײַטער.
יאָרן, יאָרן מײַנע, —
געשטרייפטע רייפן,
איך קײַקל זיי
און זיי לויפן.

מינסק, 1935 י.

* * *

באַגינען אין וואַלד כ'פּרוּוו באַנעמען
דאָס צוויטשער-געזאַנג,
פון יעטווידן פייגל באַזונדער
זײַן נוסח און גאַנג.

עס פרעגט קיין איין פייגל ביי מיר,
צי איר ליד מיר געפעלט,
ס׳איז יעטווידער ניגון אין באַר
אַ געשלאָסענע וועלט.
און אַלע צוזאַמען —
אַ ברויזיקער שוימיקער כאָר.
און ס׳דוכט, אַז דו הערסט דעם געברום
פון אַן איינציקער פּאָר.

* * *

איך בין זיך מודה,
אויף די זיך הוידענדיקע גאַסן,
רוישנדיקע ראָגן,
געפעלט מיר אינעם קאָכיקן געדרענג
פּאַרטייעט, אָנגעשטרענגט
זיך איינצוהערן, קוקן
און ווי אַ שטרוי פון וואָגן
כּלומרשט, סתּם אַזוי,
אַ צי אַרויס כ׳גיב פון המון
אַ וואָרט אַ ביטערן,
אַ ניטדערזאָגטע פראַזע,
אַ זיפץ...
ס׳דערקוויקט דאָס האַרציקע געלעכטער
פון אַן עופל אויף דער מוטערס האַנט.
מיך ווענדן אָפּ אַן אַקסל-ציטער,
אַ ביטערע בליק אַ ביליקער,

ס'שוועבט דורך פֿאַרבײַ אַ שטילער שמייכל
אויף די ליפּן פֿון אַ מענטש אַן אַלטן...
כ'דערזע מיט פֿרייד דעם נחתדיקן
צווישן־בליץ
פֿון יונג־ליבנדיקע אויגן
הײם־צעשטראַלטע...
און כ'שפּאַן און שפּאַן אַ דורשטיקער
אין סאַמע מיט פֿון מענטשן־ברויז,
פֿון מענטשן־שוווּנג...
און דאַן איך קום אַ היים און מײַן געפֿינס
מיט פֿלײַס און מיט התלהבות,
ניט שוינענדיק זיך,
אײַנגעשפּאַרט
איך פֿײַל און שלייף און שײַער
און ס'צינדט זיך פּלוצעם אָן אין דעם
אַ לעבעדיקער פֿײַער...

* * *

ווען איך וואָלט מײַנע טרוימען דאַרפֿן
פֿאַקעווען, פֿאַרשפּאַרן
אין קעסטלעך, זעק, בידאָנען,
ווו וואָלט איך
זיך אָננעמען מיט טאַרע? —
איז דאָך אמת גוט,
וואָס פּונקט אַזוי ווי לופֿטבאַלאָנען,
איך קאָן זיי האַלטן אויף אַ פֿעדעמל

אין רוים
און קוקן מיט הנאה,
ווי זיי וויגן אום זיך קוים...

אַ חכם דאָס בלויערל...

פון אַלטע אַבערגלויבענישן פּאָרט איז
פאַראַנען נאָך סימנים אין מײַן דמיון:
פון וואַלד איז דורך דער פענצטער־פאָרטקע
אַ בלויערל אַרײַנגעפלויגן אין מײַן צימער.
אַ טיאָכקע טוט מיר גלײַך אין דער נשמה.
אַ שלעכטע בשׂורה זאָגט עס אָן, מסתּם,
„אוי, מאַלע וואָס" — זיך טראָגט דורך
ווי אַ וויכער,
באַרויִקן זיך פּרוּוו איך,
נאָר ס׳פלאַטערט, צווויטשעט איבער מײַנע ביכער
דאָס פייגעלע... זיך קלאַפּט אינעם סופיט
מיטן קעפּל אָן, אין פענצטער־ראָם,
אויף שויבן פּאַטש מיט פליגעלעך און פליט
צום אַלמער. פאַרלוירן עפּעס שרײַ איך
און מיט די הענט אין ריכטונג צו דער פאָרטקע כ׳פּאָכע.
אַרויסגעפלויגן גיך — אַ חכם
דאָס בלויערל... איך שטיי נאָך אַלץ צעטומלט,
צערודערט און אין קאָפּ בײַ מיר זיך רומלט...

* * *

אַ ווײַלע זאָל פֿאַרטויבן מיך דער רעש,
דער שרײַענדער און גרילצנדער מישמאַש
פֿון פּויקן, פֿידלען, זורנעס און באַנדורעס,
מײַן אויער זאָל ניט הערן שלעכטע בשורות.
עס רײַסט דאָס האַרץ, עס קען שוין ניט פֿאַרטראָגן,
קיין אייגענע און פֿרעמדע פּײַן און פּלאָגן.

מײַן פּאַנצער

כ׳האָב סוף כּל סוף
אַ גוטן פּאַנצער זיך געקראָגן
און לײַכט איז אים
אין שווערן וועג צו טראָגן.
מיך שיצן יעדער רגע
איז ער גרייט:
„זאָל גיין אַזוי
ווי ס׳גייט״...

* * *

עס רינגלט זיך, קייטלט זיך,
ס׳שפּילן די יונגע געבליטן...
נאָר ווער קאָן באַוואָרענען,

ווער קאָן אויף תּמיד פֿאַרהיטן,
די בײַטש מיט קאַרעלן
ניט פּלאַצן זאָל
און זיך צעשיטן...

און קומען צוריק באַלד...

כ'האָב פֿײַנט די וואָס וואַרפֿן
דעם גט אין די אויגן
און גיבן אַ טראַסק מיט דער טיר
און קומען צוריק באַלד
זיך בויגן און נויגן
און שטעלן זיך אויף אַלע פֿיר...

די טרעפּ

כ'האָב איבער אָט די טרעפּ
געהאַוועט הין־און־קריק.
אַרויף — אַ פֿלי, אַ שוועב,
אַראָפּ — ווי מיטן בליק;
אַרומגעלאָפֿן ווילד,
כ'האָב מיט די טרעפּ געשפּילט.
דאָס לעבן איז פֿאַרבײַ
און גאַנץ איז די געבײַ,
צופֿרידן כ'בין מיט דעם,
נאָר כ'שעם מיך עפּעס, כ'שעם,

וואָס קוים אַצינד איך שלעפּ
זיך איבער אָט די טרעפּ...

אַ צ י נ ד . . .

אַצינד, ווען כ׳זיץ בײַם שטילן טיש אין אָוונט-שײַן
(דער שאָטן פון מײַן פּען אויף בויגנדל פּאַפּיר),
אין טיפעניש פון ים אַ פיש אַ פיש שלינגט אײַן,
אַ רשע פויזעט אין דער נאַכט אויף אַלע פיר...
אַ קאַרשן-בוים פאַרשאָטן איז מיטן ווײַסן צוויט,
אַ בחור לעם זײַן מיידל, ווי אויף פּאָקן גליט,
אַן אויסגעבלייכטער עופל טרוימט פון פרישן ברויט,
עס ווימלט אום די ערד מיט לעבן און מיט טויט
אַצינד, ווען כ׳זיץ בײַם בויגנדל פּאַפּיר.
דער שאָטן פון מײַן פּען, ער גיט זיך ניט קיין ריר...

* * *

אויף יענעמס הצלחה
מיר ווערן ניט גרוים מײַנע אויגן.
וואָס איינעם איז גוט ווי געפונען,
פאַר מיר קאָן עס זיכער ניט טויגן.
די פרײַנד מײַנע ליבע,
איך ווינטש זיי פון שענסטן און בעסטן,
מײַן אייגענעם מזל אויף זיך נאָר,
אויף זיך וועל איך מעסטן.
און טאָמער מיר וועט אויף מאַנזשעטן

מײַן מזל קיין סחורה ניט קלעקן,
כ׳וועל קיינעם ניט בעטן,
בײַ קיינעם ניט קליאַנטשען,
ניט דראָען, ניט שרעקן...

* * *

וואָס הערט ניט אויף די לבנה
אַ טויט־בלאַסע
צווישן די וואָלקן־קריִעס צו לויפן?
צי האָט זי ניט דערשמעקט,
אַז מע וויל זי, ווי אַ פּאַס,
אַרומשלאָגן
מיט די ערדישע אײַזערנע רייפן?..

* * *

עס שלעפּט דאָס פערד
די לייצעס פון די הענט,
די פינגער הערט ניט אויף
אויף צײַמלעך אײַזערנע צו שוימען.
עס רײַסט די לייצעס, כ׳קען ניט
האַמעווען אים, צוימען,
איך פיל — אָט־אָט
וועט עס פאַרנאַנדערטראָגן
אויף פּיצלעך
מיך צוזאַמען מיטן וואָגן...

אויפסניי אַ מינסקער ייִנגל

אַרויסגעגאַן צעטראָגן פון וואַגאָן,
ס׳האָט דער וואָקזאַל זיך פאַר מײַן בליק געדרייט,
ס׳קלאַפּט שטאַרק דאָס האַרץ,
כ׳בין שוין אויף גאַסן מינסקער.
די מענגעם מענטשן כ׳קוק מיט אומרו אָן...
און פּלוצעם — שׂרהלע די מאַשיניסטקע
פון „יונגן לענינעץ" (*) דערזע איך שטייט,
(געוואַרט, מיסתּם, זי האָט אויף אַן אויטאָבוס).
די זעלבע שׂרהלע... נאָר שוין אַ באָבע.
די בעקלעך אָבער סײַווי בלוט און מילך
און ס׳דוכט פון טאָלקע (**) קום איך ערשט צופאָרן...
„אוי, שׂרהלע, צו דער מאַשינקע, גיך!
דו, זע אַ פּאַק מיט בריוו פון די קינדקאָרן"...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַ ווײַלינקע מיר שטייען זאַלבענאַנד.
אַזויפיל יאָרן האָבן אָפּגעקלינגלט
און טרויעריק זי שטרעקט מיר אויס אַ האַנט
און שמייכלט קוים:
— אויפסניי אַ מינסקער ייִנגל...

מינסק, 1960 י.

(*) יונגער לענינעץ — די יידישע קינדער־צייטונג אין ווײַסרוסלאַנד, וואָס איז אין 1938 יאָר ליקווידירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַלע 400 יידישע שולן.

(**) טאָלקע — אַ באַן־סטאַנציע לעבן מינסק.

אַ חלום...

אַ חלום, ווי אַ חוזק-שפּאַס,
זיך קלעפּט אַזוי ווי צו דער וואַנט
אָן אַרבעס:
אַ גאַנער לויפט צו מיר מיט האַסט,
מיט ברייטן שנאָבל כאַפּט מיך אָן ביים אַרבל,
פּאַטשט מיט די פליגלען, שפּריצט זיך,
גראַגערט
און צופּט מיך, שטופּט מיך און באַלאַגערט...
נו, גיי, דערגרונטעווע זיך און דערגראַב,
פון וואַנען ס'קומט די לעפּישקייט
אין קאָפּ?..

* * *

אַזויפיל בידנע נפשות,
וואָס מע שינדט פון זיי פּאַסן,
מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ס'איז ניט
מסופק.
וויפל בייזע געשיכטעס שווימען
ניט אויף,
ווי בוימל אויף וואַסער.
גזלנים דערלערנען די קונסט
פון אַרויסצוגיין טרוקן,
אָן קיינע סימנים,
מיט אַ געטליכן פּנים...

ביז לעצטן הויך...

ניט צו פאַרנאַנדערפּלאָנטערן —
דעם לעבנס־קנויל —
אַזויפיל שלייפן,
פלעכטעניש ן,
קניפּלעך,
פון ערשטן קינדערשן געשריי
(עם זויגן, ציִען פרעסערישע ליפּלעך)
ביז לעצטן הויך
פון בלוי־פאַרפּרעסטן מויל...

* * *

ווי דו זעסט,
קאָן די גאָלדענע קאַלב
ווערן מגולגל
אין אַטאָם פון טויט...
וועט ניט בלייבן דער שוואַלב
קיין בלעטל, קיין שטרויעלע,
כּדי בויען אַ נעסט,
ווו צו אויסברייען אייעלעך
און דער בין —
קיין איין־איינציקע קוויט...

— — — — — — — — — — — — — —

אוי, ווי לעפּעשעוואַטע איך בין,
וועט דען בלײַבן די שוואַלב מיט דער בין?..

* * *

פֿאַרוואָס איך גיי אַרום
איבער אַ שטעג אַ זײַטיקער? —
איך ענטפֿער אָן תּרעומות
און צווייַדײַטיקײַט —
איך וויל,
מע זאָל מײַן וועלט מיר ניט צעשטערן ——
אָן עפּל ווען איך ווער אַ צײַטיקער,
צו מענטשנס פּיס
אַ קײַקל טאָן וואָלט איך זיך גערן.

אַ ווונק אים טו...

דו רוף אים בלויז
דעם טײַוול דײַנעם צו,
אַ ווונק אים טו,
ער לאָזט זיך כּלומרשט,נאַרן,
וועט ער דיר נאָכגיין,
ווי דאָס קעלבל נאָך דער קו
און שטויסן דיך —
אין פֿײַער און געפֿאַרן...

* * *

מיט נײַגער קוק איך,
ווי אַ הונט באַגראָבט אין שניי
אויף חיה־שעה אַ ביין —
„נאַ טשאַרני דזיען"...
דו פּרוּוו זי, די ניט זיכערקײַט
די גרויזאַמע פאַרשטיין...
זי שפּאַנט איבער דער וועלט
מיט מאַמאַנט־טריט.
פון איר איז קיינער ניט באַוואָרנט
און באַהיט.

5 5 . . .

מיט מײַן עלטער —
די שכנישע פינפן די צוויי
איך זשאָנגליר,
ווי מיט פּודיקע אַלטע געוויכטער.
זיי פאַלן מיט שטילן גערויש
אין דעם פּײַכטלעכן זשוויר,
ווי אַ האַרבסטיקער בלאַט,
ווי אַ ייִדישער דיכטער...

1965 י.

* * *

אַ ציג זאָל זײַן אַפילו
אַ לאָבאַטע
לעם סאַמע וואַלד —
אַ שטילע קליינע כאַטע;
און בינען זאָלן זשומען
און שמעקן זאָל מיט מיאַטע.
אוי, שענק מיר, גאָט,
אַ בינטל יאָרן
רויִקע און זאַטע.

* * *

מײַן טײַערע מאַמע
מיט אויסגעהאָרעוועטע הענט
האָט בירושה מיר
אַ ווערטל, ווי פון שטיין, אַ מאָנומענט,
איבערגעלאָזן.
די צײַט, די האַרבע צײַט
האָט ניט געקענט
באַדעקן עס מיט זאַמד און שטויב
און ווילדע גראָזן.
און ווי אַ ווײַטער שטערן
שײַנט נאָך הײַנט
אין מײַן זכרון

מײַן מאַמעס ווערטל —
„ווי ניט איז צו אָפּשטופּן
די ביסל יאָרן"...
עס וועט די צײַט אויך מיך, פּונקט ווי אַ שטרוי,
אין שטראָם אין ברויזיק־האַסטיקן פֿאַרשווענקען.
נאָר וועלן וואָלט זיך וויסן מיר געניי,
וואָס פֿאַראַ ווערטל מײַנס,
עס וועלן מײַנע קינדער פֿאַרגעדענקען...

אין גאָלדן מולטערל...

פֿון אַלע מײַנע דורכגעלעבטע
טעג און יאָרן,
געבליבן איז
אין גאָלדן מולטערל
פֿון מײַן זכּרון —
אַ זשמענקע פֿרייד צעמישט
מיט פּײַן און צאָרן
און אַלץ דאָס איבעריקע,
איך דאַרף אײַך לאַנג ניט ברײַען —
אַ פּולע זיפּ
מיט שטויב און קלײַען...

קומט אַרײַנעט, קינדער מײַנע, בראַװוע

אין סאַסנאָוון באָר

אין סאַסנאָוון באָר, אין פרילינג־הויז
קאָשעקלעך די קינדער פלעכט איך אויס.
און מיט אַלע זיבן זון־קאָלירן
טו איך מײַנע קאָשיקלעך באַצירן.
קומט אַרײַנעט, קינדער, מײַנע בראַווע!
אסתּר׳קען — אַ ראָזעווע פאַר שטשאַווע,
מאיר׳ל, זײַ דרייסטער, זיך ניט שעם,
ס׳בלויע קאָשיקל פאַר פּאָזעמקעלעך נעם!
דאָס אָראַנזשעווע איז, איציקל, פאַר דיר —
ווײַמפּערלעך אַרײַן וועט אָן אַ שיעור.
פרומעלען איז מאַלינעס געפעלן,
כ׳האָב פאַר איר אַ שיינעם קויש אַ געלן.
ס׳איז דאָס רויטע קוישל, מוישל, גרעסער,
אַקוראַט פאַר שוואַרצע יאַגדעס בעסער.
נו, און דו, מײַן שטיפערקע, מײַן נוימע,
וועסט אין ברוינעם קאָשעק קלײַבן שוואומען.
נאָר דעם ערשטן ווער צו מיר וועט קומען,
כ׳שענק אַ פיאָלעטן קויש פאַר בלומען,
פאַר די פרילינג־גלעקעלעך די בלויע.
ברייטער, קינדער, עפנט אויף דעם טויער,
לויפט אַרײַנעט אין מײַן וואַלדיש הויז,
אַלעמען די אויגן קוש איך אויס.

דער קאַרשנבוים

ביי מיין פענצטער שטייט אַ קאַרשנבוים
מיט קאַרשעלעך פאַרשאָטן.
אין גליענדיקע זומער־טעג —
אַ חיותדיקער שאָטן.
און ניט אַזוי דער קאַרשנבוים,
ווי פון הויף די קינדער,
וואָס קומען צו, ווי פיקסעלעך,
קומען און פאַרשווינדן.
גיי איך אַרויס און בייזער זיך:
— ס׳איז גרין נאָך, ס׳איז ניט פאַרטיק, —
לאַכן זיי און קוויקן זיך
און זאָגן: ס׳איז גרויסאַרטיק.
און ווייזן: סאַראַ רויטינקע,
זעט נאָר, ווי זיי פינקלען;
צעגייט זיך שוין אַ שמייכעלע
פון מיינע מויל־ווינקלען.
און ס׳נעמט מיך אויך אַ גלוסטעניש
קאַרשעלעך צו רייסן,
דערפילן עם די קינדער גלייך
און הייבן זיך אָן פלייסן.
און איינער פון די יאַטעלעך
איז שוין צוגעגאַנגען:
— אָט־אָ דאָס־אָ צווייגעלע,
קאָן איך גלייך דערלאַנגען. —
ווער איך ווידער ברוגזדיק:

ניין, — זאָג איך, מע טאָר ניט.
אָט נאַט, אָט גיט אויף מיר אַ קוק,
זיי אַרן מיך אַ האָר ניט.
נאָר חברה וויל ניט הערן מיך,
חברה וויל ניט גלויבן
און גיי איך אָפּ,
זיי רײַסן שוין פון אונטן
און פון אויבן.
בײַ מײַן פענצטער שטייט אַ קאַרשן־בוים
מיט קאַרשעלעך פאַרשאָטן,
אין גלײַענדיקע זומער־טעג —
אַ חיותדיקער שאָטן.
און ניט אַזוי דער קאַרשן־בוים,
ווי פון הויף די קינדער,
וואָס קומען צו, ווי פיקסעלעך,
קומען און פאַרשווינדן.

פ י ל ק ע

מיט דער פילקע
איבער דיל,
פילקע, פילקע,
פילקע שפּיל.
פילקע, קלאַפּ זיך אָן
אָן וואַנט,
און צוריק
צו מיר אין האַנט.

איצט דעם באַלקן
טו אַ ריר,
און אין היטעלע
צו מיר.
פילקע, פּאָלג מיך,
פילקע, פּאָלג,
פלינקער, פלינקער,
נאָכאַמאָל.
איצטער זעט נאָר,
וואָס איך קען:
אָט איך לייג צונויף
די הענט
און די פילקע
אָט־אָט פאַלט,
נאָר איך כאַפּ זי שוין —
איך האַלט.
איצטער זעט נאָר,
וואָס איך טו:
אָט די אויגן
מאַך איך צו.
און די פילקע
וואַרף איך — איינס
און געכאַפּט,
געכאַפּט אַלציינס.
מיט דער פילקע
איבער דיל,
פילקע, פילקע,
פילקע, שפּיל.

פילקע,
ווּ דו זאָלסט ניט זײַן —
אין די הענט צו מיר
אַרײַן!

נאַ שוין, נאַשער...

טראָג איך פֿאַרן הונט
אַ זיסן פֿאָלקע־ביין.
וועט ער אים צעכראָמשטשען
מיט די שאַרפֿע ציין.
מיך דערזען פֿונווײַטן,
שפּרינגט ער אַזש פֿון פֿרייד,
וויל מײַן פּנים לעקן,
מיטן ווײדל דרייט.
קוקט מיר אין די אויגן
אַזוי הינטיש טרײַ.
ווייסט ער, כ'האַלט אין קעשענע
נאָך אַ נאַשערײַ.
נאַ שוין, נאַ שוין, נאַשער, —
צוקער כ'וואַרף אַ שטיק.
כראָמטשעט ער — צו הערן
איז עס אַן אַנטיק.

שוין אָנגעדרודלט...

מיט אַ וואָך, צי צוויי צוריק,
זיך פון שאָלעכץ אויסגעפּיקט,
ניט אַרויס נאָך, קאָן מען זאָגן,
פון די ווינדעלעך;
נאָך ניט קענטיק,
וואָס אַזוינס דאָס איז —
אַ הענדעלע,
צי אַ הינדעלע? —
און שטעלן זיך שוין שנאָבל קעגן שנאָבל
אָנגעדרודלט
און גרײַפן איינער אויפן אַנדערן
צעפּודלט.

די ווילדע פעדערן

די פּיצלעך ייִנגעלעך אַרומגעשטעקט די בריליקעס
מיט קליאָנען־בלעטער
(פּונקט ווי מיט גרויסע ווילדע פעדערן
איבער די אויגן
כּדי אויף וואַלד־גזלנים,צי אויף ציגײַנער
ענלעך זײַן)
און אין די הענט בײַ יעדערן געווער —
אַ פּיסטאָלעטל, אַ קינדזשאַלכל, —
לויפן אַרום אין אָסיענדיקן סקווער,

אין מילדער זונען-שײַן
און סטראַשען, פּודזיען אָן די מיידעלעך —
אַ צופּ,
אַ שטופּ...
די מיידעלעך אַנטלויפן, פאַלן...
נאָר פּלוצעם האָט זיך איינס אַ מיידעלע,
אַ פינף-זעקסיאָריקע
געוואַגט אַוועקגעשטעלט,
בײַם ייִנגעלע, וואָס שטויסט זי,
פון אונטערן ברילק
די ווילדע פעדערן
שנעל-שנעל זי שלעפּט אַרויס
און פּאַטשט אים מיט זיי אויס:
— אָט האָסטו, העלד,
באַעוול ניט
קיין שוואַכן... —
די ייִנגעלעך און מיידעלעך
זיי זעען דאָס און לאַכן...

אונדזער קאַץ

די נאַשערקע די קאַץ
זי ווייסט דאָך אויף קיין האָר ניט,
וואָס אַזוינס — מע טאָר,
און וואָס אַזוינס — מע טאָר ניט.
אָ, וויפל קלעפּ זי כאַפּט,
פון אויגן פליִען פונקען,

אין סמעטענע אַלציינס
די וואָנצעס ווערט זי טונקען.
די מאַטע מיטן האַנטעך
איז איר גוט פֿאַרפֿאָרן,
די באָבע זאָגט: „אומזיסט,
אַ קעצישער זכּרון".

די לערערן חיה

די לערערן חיה
האָבן די קינדער האָלט,
די לערערן חיה
איז אַ גאָלד.
געאָגראַפֿיע, נאַטור,
מוזיק,
אין עקספּערימענטן —
פֿלינק, געשיקט.
וואָס זי פֿאַרגיט נאָר —
יעדע זאַך,
ווערט גלײַך צו מאָרגן שוין
געמאַכט.
— לערערן חיה,
בײַ מיר זעט!
— לערערן חיה,
רופֿט מיך צום ברעט!
די לערערן חיה
אַז זי קומט צוגיין,

גיסט זיך אָן
דער קלאַם מיט חן.
די לערערן חיה
האָבן די קינדער האָלט,
די לערערן חיה
איז אַ גאָלד.

דאָס קאַפּריזע ייִנגעלע

דעם עופּל, דעם קאַפּריזן ייִנגעלע
געפעלן ניט די קאַרשן,
וואָס די מאַמע פונעם בוים טוט רײַסן,
עס נעמט אין אים דאָס הערצל קלעמען, ברויזן
(זיך ווײַזט אַרויס דער צוקונפטיקער פּעסן),
ער וויל ניט די, ער וויל פון בוים גאָר אַנדערע,
וואָס זענען שענער, פינקלדיקער אויסעט
און זיך צעכליפּעט און צעשרײַט
און וואַרפט די קאַרשן אין דער מאַמעס זײַט...
— אַך, דו בייזער רוח׳ל מײַנס פאַרשײַטס...
אין וועמען ביסטו שלעכטינקער געראָטן? —
נו, רײַס אַליין, —
און הייבט אים האַסטיק אויף
אויף אירע יונגע אויסגעשטרעקטע הענט,
צום צווײַג מיט קאַרשעלעך געווענדט...
פאַרטײַעט האָט דאָס תּכשיט׳ל דעם אָטעם
און אײַנגענומען שווײַגט —
אין זונען־שײַן אַזויפיל פלאַמיק־רויטע

קאַרשן גליִען,
צו וואָסערע פון זיי זאָל ער זיך פריִער ציִען ..
זײַן פוכקע הענטל אינדערלופטן הענגען בלײַבט
פאַרקלעמט.
— נו, וואָס-זשע, טראַכסטו דאָרטן? —
אײַלט די מאַמע, —
פאַרלוירן און פאַרחושט דאָס עופל ווערט
און בעט זיך:
— לאָז אַראָפּ מיך אויף דער ערד...

בײַם ים

וואָס אײַלט איר זיך אַזוי
און טראָגט זיך וועלן?
קיין אויגנבליק
איר לאָזט אויף זיך ניט קוקן.
לעם סאַמע ברעג
מיר וואָלט זיך זייער וועלן
אײַך יעטוויידן באַזונדער
טאָן אַ גלעט דעם רוקן,
נאָר אויסשטרעקן מײַן האַנט
באַוויַיז איך קוים —
ס׳בלײַבט איבער פון אײַך תיכף
בלעזלעך שוים...

די שנייעלעך

אויפן וואַלד די שנייעלעך
נידערן קוים-קוים.
ס'דאַכט זיך, אַז זיי דרעמלען אײַן,
שוועבנדיק אין רוים.
אויף דער ווײַסער קאָלדערע,
וואָס איז פּוכיק-ווייך
איינציקווײַז די פליטערלעך
פאַלן פון דער הייך.
בלײַב איך שטיין אין מיטן וואַלד,
טו דערבײַ אַ קלער:
מיט אַזאַ מין קאָלדערע
דעקט זיך אײַן דער בער.
דאַרף דעם נאַשער וואַרעם זײַן
און אין שלאָף געווים,
איז דער לויטער-קלאָרער שניי
פונקט, ווי האָניק זים.

דער קלוגער זון

— עסן, מאַמעלע, מיר גיב!
אָבער דאָס, וואָס איך האָב ליב.
— זונעלע ליבער, זונעלע גוטער,
קום, כ'וועל דיר געבן ברויט מיט פּוטער.
— ברויט מיט פּוטער האָב איך ניט ליב,

דו בעסער פוטער מיט ברויט מיר גיב.
— זונעלע לעבן, זונעלע פרייד,
איז קום, כ׳וועל דיר געבן פוטער מיט ברויט.
— פוטער מיט ברויט האָב איך ניט ליב.
דו בעסער ברויט מיט האָניק מיר גיב.
— זונעלע פײַנער, געבן דיר קאָן איך
ברויט מיט גוטן בינשטאָק־האָניק.
— ברויט מיט האָניק האָב איך ניט ליב,
דו בעסער האָניק מיט ברויט מיר גיב.
— זונעלע טרייסט, זונעלע פרייד,
איז קום, כ׳וועל דיר געבן האָניק מיט ברויט.
— האָניק מיט ברויט האָב איך ניט ליב,
דו בעסער ברויט מיט שמאַלץ מיר גיב.
— זונעלע חכם, זונעלע לעבן,
מע דאַרף דיר ברויט מיט שׂכל געבן.
און וועסטו ניט אויפהערן, זונעלע פרייד,
וועל איך דיר געבן שׂכל מיט ברויט.

דער סימן

אַנטרונען איז פון הויף געוואָרן
אונדזער ווײַסינק הענדל.
געוועזן אַ סימן אויף זײַן פיסל —
פון אַ שוך אַ בענדל.
נאָר הענער זײַנען דאָ אַסאַך
און ווײַסע אויך דערינען.
די באָבע גייט אַרום און זוכט

דעם סימן צו געפינען.
און איך אין אַלע לעבער קריך
און קלעטער אין די שטאַלן.
— ווו ביסטו, ליבינק הענדעלע? —
ניטאָ, ניטאָ, פאַרפאַלן — — —

דאָס לידעלע אינגאַנצן

וויפל לידער, זון,
פונדיינעטוועגן,
ווי די טראָפּנס
פונעם זונען־רעגן?
ועסטו איבערציילן
אַלע טראָפּנס,
לייג איך דיר אַוועק
די זון צוקאָפּנס.
וועלן קומען פרי
צולויפן העזלעך,
קוקן אויף דער זון
דורך גרינע גלעזלעך.
טאָמער וועט אַ האָז
דיך נעמען וועקן,
זאָלסטו אים, איך בעט דיך,
ניט דערשרעקן.
וועט דער האָז מיט זונען־בליטן
טאַנצן.
האָסטו דיר דאָס לידעלע
אינגאַנצן.

מייַן סגל

*   *
*

אין זיך, אין זיך, ווי אין אַ הייל אַרײַן
און ניט אין דער נשמה זיך צו גריבלען,
ניט קלײַבן קיין פֿאַרדראָסן און פֿאַריבלען,
בלויז מיט מײַן אייגן מאַמע־לשון זײַן,
אין די זכּרון־זאַלן די געראַמע
זאָל הילכן יעדעס וואָרט פֿון טאַטע־מאַמע,
מיט אַלע טעמען פֿון די קינדער־יאָרן.
עס טאָר קיין פּיטשעווקע ניט גיין פֿאַרלאָרן.

*   *
*

איך לייען מײַן יידישע ליד פֿאַר די סאָסנעס און יעלן.
זיי שאָקלען די קרוינען, ווײַזט אויס, מײַנע שורות
געפֿעלן.
און ס׳קען זײַן, זיי שאָקלען אַזוי מיט די קרוינען
דעריבער:
אַ ביטער רחמנות צו קוקן —
אַן איינזאַמער,
טריבער
אַהין און צוריק איבער וואַלדישע שטעגן מאַרשירט ער
און רעדט אַליין צו זיך, ווי פֿאַר קיינעם געדאַכט,
אַ געררירטער.
לויט דעם ווי די בלעטעלעך סוד׳ן זיך,
איינעם מיטן צווייטן —

מיר דאַכט זיך — מיט חוזק מיך
טויזנטער אויגן באַגלייטן...

מינסק, 1964 י.

* *
*

קיין ברעקל ווערדע האָט ביַי דיר
מיַין שפּראַך,
פּונקט ווי אַ פּאָר פאַרוואַלגערטע
צעלעכערטע קאַלאָשן.
און ביַי מיר איז זי —
מיַין היים,
דער ליבער בושל אויפן דאַך,
מיַין וואַלד מיַין דופּטיקער
מיט כוואָיע-סכך,
מיַין בלוטיק-טיַיער
מאַמע-לשון.

מינסק, 1963 י.

* *
*

די דריבנע עסקים פאַרקנייטש איך,
פאַרבויג,
ווען כ׳באַגעגן אַ מענטשן,
פון וועלכן איך קאָן אויף מיַין לשון
אַ וואָרט אַ פאַרשטאַנדיקן קלוגן געניסן.

און דערבײַ אַליין מיט אים אָנריידן זיך
ווי אַ פּויק,
ווי נאָך צען יאָר תּפיסה...
נאָר ניט אַלינקע מיטוואָך און דאָנערשטיק
זיך מאַכט מיר אַזאַ מין פּאַרשוין.
ווײַט, ווײַט פון געזעמל, גערויש,
אין אַ זײַטיקן געסל איך וווין.

*   *
*

זאָל זיך וואַלגערן מײַן ליד,
ווי אין געדיכטן וואַלד אַ קערנדל,
צי ווי אַ שטויבעלע בײַנאַכט
אין הימל אויסגעשטערנטן,
וועט עמעץ לייגן אויף איר אַכט...

*   *
*

וויל איך ניט
אין דײַנע דלת-אמות שטיין,
כ׳האָב מיר מײַן אייגענע סטעזשקע
און ליב איז מיר איבער איר צו גיין.
און וואָס-זשע קומט מיר דערפון,
אַז איך פאַרלאַנג,
ווי אונדזער ליבן מענדעלעס ייִדענע,
„זיך העצקען ביחידות

פאַר זיך אַליין
לעבעדיק-פריילעך״
מיט מײַן געזאַנג.

* *
*

אין ווײַסן ווינטער-וואַלד קאַפּוליער
בין איך אַן אַנגעלייגטער גאַסט געווים.
דאָס זשוואַווע בלויערל צו מיר זיך טוליעט,
קלײַבט אויף די ברעקלעך לעבן מײַנע פיס.
די יעלן שטרעקן מיר פאַרשנייטע לאַפּעס,
דער פיקהאָלץ אויף דער סאָסנע קלאַפּט צום טאַקט.
כ׳דערמאָן זיך, ווי אַמאָל האָבן די כאַפּערס
בנימין׳ען מיט סענדערלען געפּאַקט,
געפירט אין באָד אַרײַן...
די ביימער-שטילקײַט,
די זויבערקײַט מאַכט ליכטיק מײַן געמיט.
אַ ווינטעלע באַגעגנט מיך מיט מילדקײַט
און צווישן צווײַגן ווײַסע בליטן שיט.
עס קוויקט דאָס האַרץ די שײַן
פון שניי-בורשטינען:
איך ווענד צום וואַלד מיט דאַנקבאַרקײַט מײַן בליק,
כ׳ווער מיד פון גיין, און מיט אַ לײַכטן זינען
איך קער זיך אום אין שטעטעלע צוריק.
פאַרהיט האָט עס דעם אַלטן ליבן נאָמען
קאַפּוליע — ס׳קלינגלט אין האַרץ בײַ מיר דאָס וואָרט.

דאָ שוועבט זײַן גײַסט, זײַן ליכטיקער „קול-ימי״,
זײַן קלוגן שמייכל כ׳זע, זײַן ווײַסע באָרד.

קאַפּוליע, ווײַסרוסלאַנד, 1962 י.

* *
*

„דער ים וויגט זיך און ווערט צעוויגן,
און פּלאַצן ווערט דער ליכטיקער שפּיגל״.
י. ל. פּרץ, „נסים אויפן ים״

ס׳איז מיט גאָרנישט געזיכערט דער ליכטיקער שפּיגל פון ים,
פּונקט אַזוי, ווי איך בין מיט מײַן אייגענער מנוחה
ניט זיכער.
אַט-אָ גיט מיטאַמאָל זיך אַ הייב אויף אַ שטורעם
און וויכער,
און עס שוימען די כוואַליעס און ס׳יאָגט שוין
אַ קאַם אויף אַ קאַם.
פון געשליפענער פלאַך ניט געבליבן קיין סימן,
קיין שפּליטער ;
דורכן האַרצן בײַ מיר, פיל איך תּמיד,
ווי ס׳לויפט דורך אַ ציטער,
וואָס צעהוידעט מײַן אומרו, מײַן שטילקײַט צעשטערט
און דערצאָרנט.
איך בין אויך, ווי דער ים מיט זײַן רו
אויף קיין האָר ניט באַוואָרנט.

*   *
*

כ׳קער אום זיך מיט מײַן זון אַהיים צוריק,
געגאַנגען זענען מיר אין וואַלד שפּאַצירן.
בײַ אים וואָס שׂמחה, אומגעדולדיקײַט אין בליק —
געכאַפּט אַ באַבעלע פון זיבן־זון־קאָלירן.
אויך איך אין האַרצן טראָג אַ גרויסע פרייד :
אַ נײַע ליד זיך צאַפּלט אין מײַן זינען.
נאָר סײַ דער באַבעלע און סײַ דער ליד זיך גרייט
אָן מינדסטער שײַן, אָן מינדסטן שאָטן אַ באַגינען :
דאָס באַבעלע וועט ווערן באַלד פאַרשפּאַרט
אין פּאַפּיראָסן־שאַכטעלע אין פוסטער.
דאָס ליד אין טיש־קעסטל אין מײַנעם, ווי באַוווּסט איז,
ווי אין אַ טרונע פינצטער זײַן וועט, ענג און האַרט...

*   *
*

מײַן צימער אין גרינע שפּאַליערן,
מיט פליטערלעך, גאָלדיקע פלעקן ;
פאַר מיר מיטאַמאָל זיך אַנטפּלעקן
פיל זאַיִנס און אַיִנס, ווי שטערן
און קופן און ריישן מיט חיות
דעם בליק מײַנעם צערטלען און גלעטן,
די אותיות רופן און ציִען
מיט ליבשאַפט אַזוי ווי מאַגנעטן.
ווי טײַער ווי נאָענט מיר ווערן
אין צימער די גרינע שפּאַליערן...

* *
*

שילדקרויט, נײַן, מער ייִדישלעכער קלינגט,
דאַכט מיר, פּשוט, טשערעפּאַכע.
אַ לינגוויסט אַ קנאַפּער כ'בין און שוואַכער
און מײַן סבֿרה קײנעם ניט באַצווינגט.
ס'גײט אין עפּעס אַנדערש מיר אַצינד:
ווײַל עס בלאָזט אַ שטאַרקער זאָלקער ווינט,
אָדער פֿון אַ פֿאָרגעפֿיל אַ שווערן,
כ'פֿאַרבאַהאַלט מײַן קאָפּ אין קאָלנער ביסקל שטערן,
שרעקעוודיק איך קוק מיט טשערעפּאַכע־אויגן,
אין מײַן קאָלנער־פּאַנצער זיך אין גאַנצן האָב איך
אײַנגעצויגן...

פּערעדעלקינאָ.

* *
*

אָן אויפֿהער מײַן זאַכעלע
טעסע און שנײַץ איך.
שוין נעמט פֿאַר די אויגן מיר
שווינדלען און בליצן.
זיך מערן די הויפֿנס
פֿון סטרוזשקעס און שפּענער.
דאָס זאַכל אַליין
ווערט אַלץ דריבנער און קלענער.
ביז צווישן די פֿינגער

כ׳צעפּערטל, צעאָדער
מיט כּעס אין האַרצן
גופא דעם יאָדער...

* *
*

אַוודאי, וואָלט מיר ניט געשאַט
אונטער דער האַנט זאָל זײַן בײַ מיר אַ מענטש,
מיט וועלכן כ׳זאָל זיך תּמיד קאָנען עצה׳ען,
אַ שטייגער, מיט אַ וואָרט, אַ בילד,
צי אַ פּאַרטראַכט.
אַ מענטש,
נאָר ניט אַזאַ, פֿאַרשטייט זיך,
וואָס תּיכּף וואָלט פֿון מיר אַן אָנעטשע געמאַכט,
מיך אויסגעלאַכט:
„ער דאַרף בײַ מיר די הרובעס הייצן״...
בלײַבט
דער אַדרעסאַט דער איינציקער —
די ווײַב —
מיט אײַנגעשפּאַרטקײַט און געדולד
כ׳באַדאַרף זי יאָרן הויבן צו דער שטופּע
פֿון זײַן מײַן טרײַע שעצערן און עצה־געבערן
און גרינטלעך,
טאָג און נאַכט זי לויבן,
איינצײַטיק טאַדלען זי און מינטערן:
יאָ, אמת טאַקע, אַן אַנטיק דו בראָטסט
די פּופּיקלעך און לעבערלעך

און מאכלדיקע זײַנען דײַנע מאַנדעלעך אין יויך,
נאָר זײַן באַדאַרפסט באַהאַוונט אויך
אין פינטעלעך די שוואַרצע
פון מײַן שרײַבן
און ספּריטנע
מיט בליק מיט שאַרפן
די ווערטער און מחשבות מײַנע,
ווי אַרבעסלעך געראָטענע און גאַנצע
פון צווישן פּוילע, שלעכטע
מיר העלפן אָפּצוקלײַבן.

יעלסק. 1973 י.

* *
*

אַזאַ פאַרדראָס אַ בייזער מיך באַפאַלט —
ווי נעמט מען בלוט און פלייש פאַר מײַן געשטאַלט? —
צו רעכט געקומען כ'וואָלט מיט פלייש און בלוט,
איך וואָלט עס, גלויבט מיר, אויסגעפּאַשעט גוט
און אָנגעשטאָפּט אַ פּולינקע זײַן וואָליע,
עס וואָלט זיך, ווי אַן ענטעלע, פּאַוואָליע
געקאַטשעט מײַן געשטאַלט מיט חן,
נאָר ס'פעלט אים דאָס ממשות —
הויט און ביין!

— — — — — — — — — — — — — —

צי לעבט דען די סטראַשידלע אויפן בוים? —
עס וויגט דער ווינט די פּוסטע אַרבל קוים...

* *
*

עס גינט. און דער אַלטעטשקער פֿאַסטעך
בלײַבט איבער אין שטיבל אַליין.
דאָס שפּילן פֿון פֿאַסטעך פֿון נײַעם
ער הערט מיט פֿאַרקלעמטן געוויין.
די טרויעריקע טרעלן פֿון דודע,
זיי לאָזן זײַן האַרץ ניט צורו
און אָפֿט בײַ דעם שטיבל שטעלט אָפּ זיך
און מעקעט און רעוועט אַ קו...
אין דלאָניע ער האַלט נאָך דאָס בײַטשל,
פֿאַרפֿרעמדט איז געוואָרן די בײַטש.
בלויז דאָרט אויפֿן לוג האָט דאָס קנאַלן
אַן אינהאַלט געהאַט און אַ טײַטש:
צו יעטווידן קעלבל געטענהט,
מיט רוגזה גערעדט און מיט חן.
און איצט שטייט דער אַלטיטשקער פֿאַסטעך
בײַם פֿענצטער פֿאַריינזאַמט אַליין.

* *
*

בײַ מיר אין צימער כ׳האָב געפּסקנט:
עס קלינגט, ס׳איז מוזיקאַליש-פֿײַן...
נאָר ווען אַרויסגעגאַן אין גאַס כ׳בין,
אַ שלאָג געטאָן האָט פֿרילינג-שײַן
מיט דופֿט פֿון בלעטער יונג-צעגרינטע,

האָב איך דערפילט: ניט גלאַט, ניט פּינקטלעך,
די ווערטער שטאַרצן פּונקט ווי סטערנע
און קיין שום קלינגעוודיקייט כ'הער ניט,
גלייך ס'וואָלט פאַרביי זיך דורכגעטראָגן
אַ לײדיק-גרילצנדיקער וואָגן.

* *
*

האָסט אַרויסגעריסן מיט גוואַלד
אַ פּעדער פון עק
ביי משה-לייבס גאָלדענער פּאַווע
און פּאָכסט מיט אים זיגעריש,
ווי מיט אַן אוראַלטער פּיקע, בולאַווע
און אַלע ווײַלע טוסטו אים
אין דײַנע לידער אַ שטעק,
נאָר מענטשן זעען דאָך,
ווי דו פאַרשמירסט זיי
מיטן פּעדערס בלוטיקן פלעק...

* *
*

פון וואַנען נעמט ער זיך
דער מיאוסער אָדער? —
ווי נאָר ניט אייגנס ערגעץ ווו
דו פּאַקסט,
דעם נוס,

גלײַך װי אַ װעװוריק דו צעקנאַקסט
און מיט געגוס
דו חנדלסט זיך
מיטן פרעמדן יאָדער.

*   *
*

דו גנבעסט פון די ביכלעך, װאָס דערשײַנען
אין קאָסטראָמאַ, צי אין טאַמבאָװ, דהיינו,
אַרױס אַ ביכעלע אין לעמבערג, צי אין קעשעניעװ,
קריכסט אין די שורות, װי אין פרעמדע קעשענעס.
אַ נײַער גראַם, אַ װערטער־שפּיל, אַ בילד...
דײַן גנביש אױג איז גיריק אָנגעצילט, —
אַן אײַנפֿאַל, אַ געפֿינס, צי אַ סוזשעט,
דו נישטערסט, װי אַ שמאַטניק אין די בגדים, גרעט,
אַרױספּליקן אַ העקל, צי אַ קנעפּל
און הערסט ניט אױף צו ציִען און צו שלעפּן...
און שטוקעװעסט און ניצעװעסט אָן ענד
מיט קלעפּיקע און עקלהאַפטע הענט,
דעם טרױער, פּײַן, פאַרטױשסט אױף פאַלשן גליק
און אַלץ דערנאָך פאַרהאַנדלסטו פון שטיק.

מינסק, 1964 י.

*   *
*

וועסט מער שוין אונדז ניט נאַרן,
דעם וואַלד מיט קולות ניט פאַרטויבן:
„העלפט,
אויף מײַן אָטאַרע (*)
אָנגעפאַלן זײַנען וועלף"...
איצט וועט שוין דיר ניט גלויבן
קיינער,
קיינער.
אַ היפך גאָר:
מע ווײַכט פון דיר,
מע טראָגט זיך אָפּעט
מיט די ביינער,
אַ זשעדנער דאַרער וואָלף
ביסטו אַליין,
אומהיימלעך איז
אין דײַנע דלות אַמות שטיין...

*   *
*

ניט האַרציקײַט, ניט ווייטיק,
נאָר גלײַכגילט פון דיר ווייט.

(*) אָטאַרע (רוסיש) — טשערעדע.

דו פײַנסט זיך מיט דײַן עברי —
קײַלעכיק און גלאַט...
אוי, גאָט זאָל מיך
ניט שטראָפֿן פֿאַר די רייד —
אַ קדיש אַ געדונגענעם
דערמאָנסט מיר, אָקוראַט...

מאָסקווע, 1968 י.

*　*
*

ווען ס׳שלאָגט אַ קוואַל,
אים ווײסט דען זאָגן:
אַנטשוויגן ווער,
הער אויף צו שלאָגן!
ס׳קען בלויז דער פֿײַנט,
וואָס איז פֿאַרביסן,
מיט גוואַלד דעם קוואַל
דאָס מויל פֿאַרשליסן...

*　*
*

ווען דו וואָלסט עטוואָס פּשוטער גערעדט
(ניט טראַכט פֿון דעם, אַז דו ביסט אַ פּאָעט),
וואָלט איך אפשר דײַן טיפֿן מיין פֿאַרשטאַנען.
וואָס ווילסטו, מענטש, ניט מאַטער מיך,
ניט פּלאָג,
אָן „הירשן מיט פֿאַרדרייטע הערנער"

זאָג —
רחל — בתך הקטנה...

* *
*

די יאָדערלעך פון ליד שוין ווערן שטייף און ברוין.
איך קום אין סאָד צוגיין די מילדע זון־שיין שעפּן.
נאָר שווער איז שוין געוואָרן מיר, מיין קרוין,
די פיס איבער דער ערד אַרומצושלעפּן.
דאָס עפּל־בוים געבענטשט איז אויפן אָרט צו שטיין,
עס ווייסט ניט פון קיין מאַרשן און נסיעות.
עס גיסן אָן די עפּל זיך מיט דופּט און חן,
צו קוקן איז אויף זיי אַ חיות.

* *
*

ווען אין אָוונט,
האָב איך וואָס פאַרטראַכט,
מאַטערט מיך מיין מוח אָפּ
אַ נאָכט,
לאָזט ניט רוען
און דער אימפּעט טראָגט.
ס'וואָרט פון זיך אַליין
זיך שלייפט און טאָקט.
פיצלעך דרימל,
שטיקלעך שפּינוועבס־שלאָף

שיילן זיך ווי סטרוזשקעס,
אָן אַ סוף.
און דאָס וואָרט פאַרקלעמט
אין מאַרך־מאַשין,
האַסטיק שווינדלט אום
אַהער — אַהין.
שיטן זיך די פונקען —
בלויז און דין.
שפּריצט פון אויגן פײַער
ביז פאַרטאָג.
ניט געדאַכט זאָל ווערן
אַזאַ פּלאָג.
ס'מאַטערט מיך מײַן מוח
אָפּ אַ נאַכט,
ווי איך וואָלט געגאַנגען
אין אַ שלאַכט.

*   *
*

אַ סוף,
אַן עק,
מיט דער קאַפּאָטקע —
גערעכט,
צי ניט גערעכט,
ס'געפעלט מיר ניט דאָס דינגעניש,
דאָס שלינגעניש...
איך קוואַפּע זיך ניט זײַן אַ העכט,

נאָר כ׳וויל ניט אײַנגעשלונגען ווערן,
ווי אַ פלאָטקע...

* *
*

מײַן מאַמע לשון

דער ברייטער ווערסנע־טײַך
איז שוין פון קריִעם פרײַ.
אין מיטן שווימט אַ קריִעלע אַ קליינע.
עס שפּיגלט זיך אין איס די זון די לויטער־ריינע.
כ׳וואָלט ביזן סוף געווען
דעם קריִעלע געטרײַ —
זיך אויף זײַן הוידנדיקער פלאַך געשטעלט,
אַרומגעקרײַזט מיט וואַסער און מיט וועלט.
מיר וואָלטן פרייען זיך —
די כוואַליע הויבט און טראָגט.
איך וואָלט מיט דעם באַצווייט
געטײַעט און געטאָקט...

* *
*

ווען פון מײַן בליק וועט שוין דער בלייכער רעיון,
ווי לעצטער זונען־שטראַל פאַרשווינדן,
איך בעט דיך,
ווי דאָס לעבן איז דיר ליב און טײַער,

דרײַ פֿײַערלעך־שטערנדלעך אָנצוצינדן,
צעשטעל זיי, ווי אַ סגל,
וואָס תּמיד האָט באַשײַנט מײַן ליד
און האָט געטרייסט מיך און געהיט,
געווען פֿון מײַן שיף דער זעגל...

אינהאַלט

5 ז. חשובער לייענער
7 ז. לעם בערג גלבוע׳ר
9 אין די טראַנשייען...
9 לעם בערג גלבוע׳ר...
10 מײַן לעבנס־בריק...
11 בילדער אַנדערע...
12 דאָס שטילע אייזעלע
13 אין אַ שײנעם חשון־טאָג...
14 גאָט באַהיט...
15 פון אַלע עולן אויסגעלאָדן
16 איך זוך אַ פּלאַץ...
16 פּונקט געטראָפן...
17 ברוך־השם
17 איך וועל דיך מיט ביטערניש...
18 מײַנע פיר־און־זעכציק...
19 דאָ אין בת־ים
20 אַוודאי
21 מײַן רעטונג־שטרויעלע
22 מע שמייכלט שוין...
24 מײַן האַוועניש...
25 איך לערן זיך עברית
26 כ׳האָב ניט קיין רו...
27 אַ לעבן אין האַרצן...
28 אויף באַלפור־גאַס
29 כ׳האָב אויפגעכאַפּט זיך...
31 יוני 1967... I—VIII.
35 יוגנט פאַרהונגערטע
37 לעבן פענצטער...
38 ווּ ווער איך אַנטרונען...
39 פון מאַניעוורעס
40 אַ בייזע שטראָף...
41 דופטן אינדערלופטן...
42 בין איך ווידער שוין יונג...
43 צו פאַרנאַכט...
43 הינטער שטאָט ערגעץ־ווּ...
44 וואָס איך זאָל ניט זעען...
47 די גוט־באַקאַנטע גאַס...
49 1942 יאָר...
51 אַ פּאַזימקע
52 געזעגענונג...
53 מיר טרײַבן דעם דײַטש...
54 סאָלדאַטסקע טרערן
54 מיר קאָסט עס...
55 ס׳דערמאָנען פינף...
56 פיר יאָר איז געוואָרן...
56 די גוט־באַקאַנטע גאַס...
57 ווען אַנטקעגן אָבעליסק...
58 איך קען מײַן נקמה...
58 ווייס, דײַן האַרץ...
59 אויף קיין רגע...
61 דאָס מזלדיקע קייטעלע
63 אחר המעשׂה
63 ווען ס׳האָט אַ בלענד...
64 בײַ דער קראַטע
65 נאָך אַ טאָג קאַטאָרגע...
66 אויך איבער מיר...
67 מײַן אומרו...
68 פון צײַט צו צײַט...
68 יעוו־ריי...
69 אַז וווּיל צו מיר...
70 כ׳דעק דײַן ביטול...
70 גענוג מיר דרייט...
71 עד מתי...
72 בײַ מיר פּועלן...

72 איך זאָל לעזן...
73 אין גאַס אין פּראַקטיקער...
74 שרײַבט אויפעט...
74 פידל־שפּיל...
75 ניט שפּרינג אומבאַטראַכט...
77 נאָך ווען ס'טו נאָכגיין מײַן שאָטן?
79 אַפּריל
79 ס'איז דער פּיקהאָלץ...
80 אין יוני־סאַד
81 „קו־קו"...
82 אין וועלדל...
82 מ'דאַרף דאָך...
83 אָוונט־פײַערלעך...
83 אַ טראַפּעלע...
84 די וואָלקנדלעך...
86 אוי, מאַמעניו־זון...
87 בײַ דער אַזיערע נאַראַטש
88 די פּליעשטשעניצער ראַבינעס
89 כ'האָב ליב די שטילקײַט...
90 כ'לערן זיך אין סעדל...
91 כ'האָב גראַדע ליב...
91 דאָס גאָלד...
92 עס האָט אַזוי געווילדעוועט...
92 פֿאַר דעם...
93 ס'פּלייצט אין טיפן ים...
93 די בערג...
94 דאָס פוכיקע וואָלקן...
94 אין רעכטן זומער
95 ניט קוק...
96 דעם זומער אויסגעוועזן...
96 בײַ העלער לאָמפּן־שײַן
97 אין שורשענדיקן אָסיען־וואַלד
98 אין אָוונט...
99 בײַנאַכט...
100 לעם די גאַליצינער...
101 אַ שניי אַ וואַרעמער...
101 זאָג, ווען ס'טו נאָכגיין...
103 די מעווע־געשרייען
105 מײַן גוטע טויב...
105 איך פֿיל...
105 דער עיקר איז דען...
106 ס'נאָגט זיס...
106 דער יוני־טאָג...
107 דו פרעגסט מיך...
107 דהיינו...
108 די בלויע אויערינגלעך...
109 עס רייצן...
109 דרײַ גערוישן...
110 איך לעב און שאַף...
111 ווען פאַרמאָגט...
111 ניט אַנדערש...
112 פֿאַר דיר מײַן האַרץ...
112 אין גאָלדיקן געבלעטער...
113 מײַנע העלע יונגע...
113 מײַנע טריט...
114 דאָס גלי־פײַערל
114 צעעפנט אומגעריכט...
115 דער אונטערשיידט...
115 דו ווייסט...
116 דו פרעגסט מיך גאָרנישט...
116 עפּעס ענלעכעס...
118 זאָל רעגענען...
118 פריִע פייגעלעך
119 אַדאַנק דיר...
121 כ'האָב ניט געזען...
121 רייזעלע...
122 פֿאַר...
122 די באַנק...
123 מיט שנעלע טריט
124 איך מוסר דיך...
127 אַ שטרוי פון וואָגן
129 יאָרן, יאָרן מײַנע...
130 באַגינען...
131 איך בין זיך מודה...
132 ווען איך וואָלט...
133 אַ חכם דאָס בלויערל...
134 אַ ווײַלע זאָל...

134 מײַן פֿאַנצער
134 עס רינגלט זיך...
135 און קומען...
135 די טרעפּ
136 אַצינד...
136 אויף יענעמס הצלחה...
137 וואָס הערט ניט אויף...
137 עס שלעפּט דאָס פֿערד...
138 אויפֿסנײַ...
139 אַ חלום
139 אַזויפֿיל...
140 ביז לעצטן...
140 ווי דו זעסט...
141 פֿאַרוואָס...
141 אַ ווונק אים טו...
142 מיט נײַגער...
142 55...
143 אַ ציג...
143 מײַן טײַערע מאַמע...
144 אין גאָלדן מולטערל...
145 קומט אַריינעט, קינדער
מײַנע, בראַווע
147 אין סאָסנאָוון באָר
148 דער קאַרשנבוים
149 פּילקע
151 נאָ שוין, נאַשער...
152 שוין אָנגעדרודלט...
152 די ווילדע פֿעדערן
153 אונדזער קאָץ
154 דאָס קאַפּריזנע ייִנגעלע
156 בײַם ים
157 די שנייעלעך
157 דער קלוגער זון
158 דער סימן
159 דאָס לידעלע אינגאַנצן
161 מײַן סגל
163 אין זיך, אין זיך...
163 איך לייען...
164 קיין ברעקל ווערדע...
164 די דריבנע עסקים...
165 זאָל זיך וואָלגערן...
165 וויל איך ניט...
166 אין ווײַסן ווינטער־וואַלד...
167 ס'איז מיט גאַרנישט...
168 כ'קער אום זיך...
168 מײַן צימער...
169 שילדקרויט, ניין...
169 אַן אויפֿהער...
170 אוודאי וואַלט...
171 אזא פֿאַרדראָס...
172 עס גינט...
172 בײַ מיר...
173 האָסט אַרויסגעריסן...
173 פֿון וואַנען...
174 דו גנבעסט...
175 וועסט מער שוין...
175 ניט האַרציקײַט...
176 ווען ס'שלאָגט אַ קוואַל...
176 ווען דו וואָלסט...
177 די יאָדערלעך...
177 ווען אין אָוונט...
178 אַ סוף...
179 דער ברייטער וועסנע־טײַך...
179 ווען פֿון מײַן בליק...